STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04086

BUNDISTN

Jacob Pat

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב פאט

בונדיסטן

ערשטער באנד

פארלאג „קולטור-ליגע“ווארשע

צווייטע אויפלאגע

Printed in Poland

Jakób Pat — „Bundyści"

Wyd. „Di Welt", Nowolipie 7.

Druk. „Di Welt" Warszawa Nowolipie 7

איך האָב דורכגעשפּרייזט אַנדערטהאַלבן הונדערט שטעט און שטעטלעך פון פּוילן און ליטע — געזאַמלט די מאָטיוון, די טעגער, די האַלבע לעגענדן, פאַרשווומענע שאָטנס, סילועטן, איז זאָג מיין דאַנק יענע אַלע וווילע און האַרציקע בונדיסטן, וועלכע האָבן מיר געהאָלפן אין דער זאַמלונג.

און מיין טיפסטן דאַנק

דעם חבר נח, וועלכער עפּנט אַזוי ריינדיק מיט זיינע פאָרווערטער מיין ספרל „בונדיסטן“.

דער חבר נח, וואָס איז אַליין די לעגענדאַרסטע לעגענדע פון אַלע בונדיסטן, דער יונגער, דער שטאָלצער, און שלאַנקער, און קרישטאַלענער זיידע פון בונד.

יעקב פּאַט.

* * *

„די בונדיסטן" — איז נישט קיין היסטאָריש ווערק אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט. דאָס איז אָבער אַ שטיק געשיכטע אינטערעסאַנט און לעבעדיק דערציילט. דער דערציילער איז דאָ אַ זאַמלער און אַ קלייבער מיט אַ פּילבאַרן חוש פאַר, דוכט זיך, באַשיידענע, אָבער אין דער אמתן דערהויבענע, באַגייסטערטע טאַטן.

עס זעט אויס, ווי עס וואָלטן דערציילט אָט זיי אַליין, אָט די בונדיסטן, אָט די „אומבאַקאַנטע זעלנער", וועלכע האָבן אָפּטמאָל אפילו נישט געקענט אַ פּען אין האַנט האַלטן, אָבער וואָס האָבן מיט זייערע הענט געשאַפן אַזעלכע טאַטן, וועלכע לעבן נאָך ביז היינטיקן טאָג אין זכרון פון זייערע יורשים, פון די היינטיקע בונדיסטן, וועלכע שמידן ווייטער אָן אַן אויפהער, אָן אַ איבערייס די גאָלדענע קייט, וואָס זיי, די „אומבאַקאַנטע", האָבן אָנגעהויבן צו שמידן מיט העכער אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק.

איך לייען די „בונדיסטן" און פאַר מיינע אויגן שווימען אויף לעבעדיקע געשטאַלטן פון בערשטער, גאַרבער, שטעפּער, שניידער, וועבער, טאַבאַק־אַרבעטער א.אַז.וו. א.אַז.וו., זיי שטייען פאַר מיר אין שורות אָן אַ צאָל, איך זע זייערע באַגייסטערטע פּנימער, זייערע גלאַנצנדיקע אויגן. איך זע זיי ביי פאַרשיידענע „אַרבעטן". אָט זיצט זיך אַ פּאָרל כלומרשט מאַן און ווייב, אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט, פון זייער גאַנצער וועלט, איינזאַם אויף אַ קאָכעדיקער גאַס און דרוקט די „אַרבעטער שטימע", די איינציקע שטים מיט וועל-

בער עס איז זיי דערלויבט צו ריידן צו זייערע פריינט און חברים. אַ צווייטער שפּרייזט מיט אַ קאָנטראַבאַנדיסט איבערן גרעניץ און שטעלט יעדע מינוט איין זיין לעבן פאַר דאָס פרייע רעוואָלוציאָנערע וואָרט. אַנדערע לויפן פון וואַרשטאַט צו וואַרשטאַט, פון פאַבריק צו פאַבריק און טראָגן „דאָס וואָרט" פאַנאַנדער צווישן די, וואָס לעכצן אַזוי הייס, מיט אַזאַ באַגער נאָך אים. אַנדערע — אָט לויפן פאָראויס, אין די ערשטע רייען, קעגן קוילן, קעגן קאָזאַצקע נאַגאַיקעס... די בונדיסטן. — די אַלע געשטאַלטן, כמעט אין יעדער שטאָט, אין יעדער שטעטל פון גרויסן אַמאָליקן „תחום", פון דרום ביז צפון, פון קישענעוו ביז וויטעבסק, פון מעריב ביז מזרח, פון מינסק ביז דער דייטשער גרעניץ, שטיין און ריידן, ווי לעבעדיקע מיט מיר, ווען איך לייען „די בונדיסטן". דאָס זיינען איינצלנע, אַרויסגעכאַפּטע פון אָן אַ צאָל אונזערע „אומבאַקאַנטע זעלנער" — די טרייסטע פון די טרייע, די איבערגעבנסטע פון די איבערגעגעבענע, אונזערע העראָען, וועמענס נעמען זיינען דעם עולם קיינמאָל ניט געווען באַקאַנט, אָבער וועמענס רעוואָלוציאָנערע מעשים זיינען הערלעך שיינע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון „אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער בונד".

מיר דאַרפן זיין דאַנקבאַר דעם חבר יעקב פּאַט, וואָס האָט מיט אַזאַ ליבשאַפט צוזאַמענגעקליבן און אונז אין אַזאַ שיינער פאָרם איבערגעגעבן די דערציילונגען, וועלכע קלינגען, ווי לעגענדן פון דעם ערשטן פעריאָד פון אונזער געשיכטע.

דער יונגער דור אונזערער, וועמען מיר רעקאָמענדירן הייס „די בונדיסטן", וועט געוויס אין זיי געפינען אַ קוואַל פון באַגייסטערונג און מוט פאַר אונזער סאָציאַליסטישער אַרבעט.

נ. ח.

ברוך טעלעגראפיסט

I

פאָרגעקומען איז עס דעמאָלסט, ווען עס איז נאָך געווען דער אָנהויב. שטאָט האָט נאָך גאָרנישט געוווּסט, אַז חברה איז שוין דאָ. חברה פון רויטע פענער, וואָס „שיסט דעם קייסער און וויל מאַכן אַלע גלייך".

אין דער שטיל איז מען שוין געווען.. מען פלעגט זיך טרעפן ביים טייטשן בריק. מערסטנס זענען עס געווען גראַדע שלאָסערס, שניידער און שמידן. ברוך איז אַליין אויך אַ שמיד ביי יענעם. מען איז געווען צוזאַמען אין איין חברה מיט די גוים.

— יידן און גוים אַלע צוזאַמען...

עס איז געווען בסוד, ביז עס איז געבליבן, אַז מען זאָל עפּעס טאָן. וואָס-זשע זאָל מען טאָן אַזוינס, וואָס זאָל איבערקערן שטאָט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, ווי אַ איבערגעקערט פערד מיט די פּאָדקאָוועס?—

איז נישט געווען קיין גלייכערע זאַך ווי די, אַז מען זאָל ערגעץ אַרויפהענגען אַ רויטע פאָן, ווען שטאָט גייט חאָדאָראָם.

— מען זאָל איר אויפהענגען ביי דעם נאַטשעלניק אויפן דאַך...

— אויפן דאַך פון פריסטאַוו פּאָפּעריליאָ...

דאָס זענען געווען די עצות פון די „פּאָרשטייער". אָבער נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס צווייטע טויג — מען וועט אַרויפגיין אויפן בוידעם און מען וועט אַראָפּשלעפּן.

— זאָג איך — זאָגט ברוך — אַז מען זאָל איר אַרויפטראַסקן אויפן שפּיץ סלופּ פון די טעלעגראַפנע דראָטן...

די זאַך איז געפעלן געוואָרן. ברוכן האָט אַ נעם געטאָן אַ זאַווערוכע אין די ביינער, האָט ער זיך אָפּגערופן:

— און איך אַליין מאַך דאָס מיט אַליושן...

ווען ער וואָלט האָבן צען פּענער, וואָלט ער זיי אַלע אויפגעהאָנגען.

— אַז די נכפה זאָל עס נעמען...

II

מען האָט עס געקאָנט מאַכן ביינאַכט, פאַרטאָג, ווען קיינער איז אויפן גאַס נישטאָ. עס איז טאַקע קנאַפּער די סכנה, אָבער עס האָט נישט יענער טעם פון מיטן טאָג, בריש-גליי. אגב, ווען עס באַגינען די „מענטעס"*) אַראָפּנעמען און — נישט קוק מיך אָן.

איז ער אַוועק אין מיטן טאָג צוזאַמען מיט אַליושן אויפצוהענגען די רויטע פאָן, וואָס ער האָט געהאַלטן אונטערן פּאָלע. אויפהענגען וועט מען איר אויפן סלופּ ביים אַלט-מאַרק קעגנאיבער לייזער פּעמפּעלס טויער.

עס איז געווען אַ תרופה: פריהער האָט מען דעם סלופּ אַרומגעשמירט מיט זייף, וועט זיך בעסער גליטשן. עס האָט נישט געדויערט קיין מינוט און ער איז שוין געווען אויפן סאַמע שפּיץ פון סלופּ. איינס, צוויי, דריי.

---

*) פּאָליציאַנטן.

— די רויטע פאָן!..

ער האָט געהאַט מיט זיך דראָט, אַן האַמער. האָט ער אָנגעהויבן דאָס צו מאַכן פעסט, געשפּייט אין האַנט די שפּײ־עכץ אויף אַ שמידישן שטייגער, געצויגן דעם דראָט, געפּלאָכטן, אַריינגעהאַקט דעם האַטשיק. די פאָן הענגט מיטן קאָפּ אין דער הויך:

— פּלי, ברודערקע!..

אין דערזעלבער מינוט האָט זיך אַ הויב געטון די גאַס. די שטיינער אַזש האָבן זיך אַ ריר געטון פון ברוק, און די דעכער ממש פליען. עס קאָכט אַ קעסל.

— זעט נאָר זעט...

— אַ פאָן...

עס איז נאָך געווען צייט נעלם צו ווערן. אַליוש פייפט צו אים:

— טראָג זיך...

איז אים בריכן מיטן גלאַנציקן דאַשעק אַריין אַ מאַנקאָ־ליע אין קאָפּ: ער זיצט. ער דרייט, דרייט דאָרטן מיט די דראָטן, קלאַפּט מיטן האַמער און—רירט זיך נישט. עס איז אים ווויל.

בינו לבינו איז שוין געווען דער „מענטע". עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פייפעריי. זעלנער זענען פאַרביי און זיך אָפּגע־שטעלט מיט די ביקסן. אַרום און אַרום — אַ האַלבע שטאָט. אין דער הויך זיגט ברוך מיט דער רויטער פאָן.

— ברידערקעס, עס האָט געקאָכט אונטער מיר אַ קעסל מיט סמאָלע...

III

דער „מענטע" און נאָך „מענטעס" האָבן געהאַלטן די רע־וואָלווערן אין די הענט אין דער הויך:

— זיי ווילן אים ניט אַראָפּלאָזן...

איז אָנגעלאָפן אַ פאַרסאַפּעטער דער געלער פּריסטאַוו מיט די זומער־שפּרענקלעך—פּאָפּערילא:

— קאַנאַלי... מערזאַווצי... בונטאָווטשיקי... זאָל ער זדאָכ־נען דאָרטן... זאָל ער כאַליען אויפן שפּיץ... סוקין סין. ריירט ער זיך—פּלי... אַריינגעזעצט הייסע אַרבעס אין הינטן...

איז ווידער ברוך ביי זיך נישט אַראָפּגעפאַלן, וואָס וועט שוין זיין, וועט שוין זיין. האָט ער אָנגעהויבן פון שפּיץ סלופּ רעדן צום פּריסטאַוו:

— טשאַכאָטקע, פּאַניע, פּאַניע, קום אַרויף, פּאַניע, ווען מיר זיך דורכשמועסן... די טשאַכאָטקעלע...

האָט די שטאָט אַרום געקערט מעשים:

— אַ פייער אין אים...

און ער האָט געשריען פון סלופּ:

— פּאַנאָוויע, איך טעלעגראַפיר צום קייסער קיין פּיטער־בורג אין זיין טאַטנס טאַטן אַריין!..

האָט דער עולם געאַרבעט מעשים:

— בונטאָווטשיק... אַ הפקרניק...

— אַ טעלעגראַפטשיק...

און די רויטע פאַן סמאַליעט־אונטער אַ גאַנצע שטאָט.

VI

— גיי אַראָפּ...—האָט צום סוף געזאָגט דער פּריסטאַוו — אַ נישט וועלן מיר אונטערזעגן דעם סלופּ.

— גיי אַראָפּ — האָט אייגענע חברה צוזאַמען מיט אליוש געשריען און געוונקען, און געוויזן עפּעס מיט די הענט — גיי אַראָפּ.

ברוך האָט אַראָפּגעקוקט, געקוקט אויף אייגענער חברה, וואָס איז געשטאַנען אָן זייט פון סלופּ. אַ סברה, מען גרייט זיך עפּעס, פּאָליציי גרייט זיך אויך.

— ברידער, האָט עס איבער די ביינער אַ פּאָכע געטון ווי מיט גלאַנציקע שווערדן. עס קאָכט. אַ פייער ברענט.

און אַז ער איז געווען אויף מיטן סלופּ, האָט ער זיך אַזוי אַ שליידער געטאָן אַראָפּ פון סלופּ אָן אַ זייט צו חברה,

אַ פאַל, אַז מען האָט געמיינט, דאָס ער נעמט איין באַלד די מיתה משונה. דער גאַנצער מאַרק האָט זיך צעקוויטשעט.

חברה האָט אויפגעהויבן אַ גוואַלט, אַ פייפעריי, פאָליציי האָט אָנגעהויבן צו שיסן, דער עולם האָט אָנגעהויבן צו לויפן אין כּהלה, שטאָט האָט זיך געקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ. און חברה בונדיסטן זענען געלאָפן מאַרק-אַראָפּ מיט ברוכן. מער נישט אַראָפּשפּרינגנדיק איז ער געפאַלן אויף דער רעכטער האַנט און אויסגעבראָכן צוויי פינגער מיט אַמאָל. און די פאָן איז גע-האָנגען אין דער סאַמער סומאַטאָכע.

— ברידערקעס, אַזוי זענען בונדיסטן אָנגעקומען אין שטאָט אַריין...

V.

איז געבליבן דער נאָמען ברוך דער טעלעגראַפיסט. אַז ער האָט מיך אָפּגעפירט צוריק ביינאַכט צום באַן, האָט ער מיר געגעבן זיין האַנט מיט דער האַרטער פאַרקיילעכדיקייט פון זיינע אָפּ-געבראָכענע פינגער, און זיך געזעגנט:

— זאָל מען עפּעס אויפטאָן, חבר, זאָל מען...

— מען טוט, חבר ברוך, מען טוט, וואָס מען קאָן...

זוסשע ביירטאמיד

I

עס איז אַ שטאָט מיט יידישע אַרבעטער אין די גאַר־בערייען — ביים פעל און לעדער. אַ מקום אַ בלאָטיקער, אַ טויער צו די ווייסרוסישע זומפן.

ווייל ווו צו גיין איז נישטאָ, בלאָטע אַרום און אַרום, שטייען מיר אַזוי אין אָוונט אויפן מאַרק קעגנאיבער דער איינגעבויגענער, הילצערנער פּאָזשאַרנער בודע, וואָס אַ פעסל וואַסער שטייט דאָרטן צוליב־וואָס עפּעס אויפן סאַמע אין דערהויך. אין מיטן דער בלאָטע ברענט אויף אַ קלאָץ אַ נאַפט לאָמפּ.

עטלעכע זענען צוגעקומען:

— שלום עליכם, חבר...

איך האָב דערלאַנגט די האַנט דעם ערשטן, נאָר זיין האַנט האָט נישט אַריינגעטראָפן אין מיינער און זי האָט פאַרלאָרן עפּעס געזוכט אין דער פינסטערקייט. משמעות מיין האַנט. זי איז פאַרקראָכן אָן אַ זייט. איך האָב אין דער פינסטער אַ כאַפּ געטאָן זיין האַנט. איך האָב געפילט, אַז זי האָט זיך אין מיינער דערפרייט:

— „שלום עליכם...‟

עס האָט מיר געחדושט, וואָס זיין פנים מיט אָפענע אויגן קוקט אָן אַ זייט, אין דער קרים. זיין נאָז און מויל איז אָנגעשטרענגט, ווי זיי זיי וואָלטן עפעס אַרומשמעקן. מען האָט מיך אַ צי געטאָן פאַרן אַרבל:

— ער איז בלינד...

דערוויל האָט ער זיך צו מיר געווענדעט:

— איר האָט אפשר אַמאָל באַגעגנט אַ חבר בנימין מיט אַ שוואַרצער באָרד...

— ניין...

האָט ער ווייטער געזאָגט:

— ער מוז שוין זיין איצט גרוי... אַודאַי גרוי...

בעת מעשה האָט מען מיר שטיל אונטערגעזאָגט, אָנווייזנדיק אויפן בלינדן:

— דאָס איז אונזער חבר זוסשע ניירטאָמיד...

— ווי?... האָב איך איבערגעפרעגט—נר-תמיד?...

ער האָט דערוויל דערהערט און זיך אַריינגעמישט:

— ווייס איך וואָס... צונעמענישן פון דאַוונען... קענט איר נישט דעם בנימינען?... נישט געהערט?... מיט אַ באָרד אַזאַ...

איך האָב געטראַכט דאָ אויפן בלאָטיקן מאַרק, אַז אונטער די בלינדע אויגן פלאָנטערט זיך דער רויטער בראשית, אַ גאַנצע מעשה-מרכבה מיט אַ צופלאָשעטער שוואַרצער באָרד, וואָס ווער ווייס וווּ איר געביין איז שוין אַהינגעקומען.

— פאַרוואָס רופט מען אים ניירטאָמיד?

— איר וועט שוין וויסן...

— טשעקאַווע...

II.

דעמאָלסט האָט ער נאָך אַלץ געזען, מער נישט די אויגן זענען געווען ביי אים שטענדיק קרענקלעכע. דאָס איז געווען שוין זייער לאַנג.

אַ שטאָט מיט אַרבעטערס איז דאָ פון קדמונים, פעל־אַר־בעטער, לעדער־אַרבעטער, ער איז געווען אַ שוואַרצער אין דער גאַרבאַרניע. מען פלעגט אַרויסציען די בהמה׳שע און פערדעשע פעלן פון די פעסער געווייקאַכטץ, די יוכטן, און זוסשע איז געווען אַ שוואַרצער, די טישן שוואַרצע, די ווענט און צורות שוואַרצע—פעך און סמאָלע. אין צווייטן צימער האָט מען געאַרבעט מיט די שאַרפע שוסטערשע און גאַרבערשע מעסערס מיט די קורצע, לעדערנע הענטלעך. ווער ווייס, צי טאַקע נישט פון די דאָזיקע שוואַרצע טעג און אָוונטן האָבן דאָס די אויגן ווי געטאָן.

און דאָ איז דאָס צו די גאַרבערשע טישן אָנגעקומען און אָנגעשלאָגן זיך אָן זוסשען צום ערשטן:

— בונד...

זאָגט זוסשע אַזוי:

— אַזוי ווי אַ קאַרעטע מיט רעדער נאַ־שפּיץ איז דורכגע־פאָרן איבער די ביינער...

דאָס איז אָנגעקומען אַזוי פון די גרויסע שטעט, פון דער וועלט, מיט בייטשן, מיט כוואַשטשעניש:

— עקספּלואַטאַציע... בורזשואַזע... זעלבסטהערשונג... נישטאָ קיין גאָט... רעוואָלוציע...

און אָנגעקומען איז עס אין שטאָט אַראָפּ מיטן ערשטן שטרייק פון די גאַרבערס:

— די בונטאָווטשיקעס שטרייקן...

האָבן די פאַבריקאַנטן פייוועלע זשופע און בענדעט טער־כע פאַרמסרט אַלץ אין דער פאָליציי בהסכם כולם פון דעם בית־מדרש:

— אַ קליינינקייט אַזאַ הולטייסטוואָ...

צוויי האָט מען אַוועקגעפירט אין גובערניע אַריין און איינער איז געווען דער פרעמדער, מיטן הויקער. דער, וואָס איז געקומען פון ד אָ ר ט ן. כאָפּטעסווייז האָט מען געשלעפּט אין „רעשאָטקע" אַריין. מען האָט געשלאָגן:

— גיט אַרויס דעם בונטאָווטשיק...

חברה גאַרבערס זענען געווען, ווי די וואַנט, וועגן זוס־שען וועט קיינער קיין פּיפּס נישט טאָן. גאָרנישט, מיר ווייסן גאָרנישט. נאָר שוין, דאָ האָט זיך געשושקעט אַ שנאה, שטאַרק, ווי דער טויט, וועלכע כאָוועט זיך שוין אין די גאַרבערייען כמה דורות:

— פּייוועלע זשופּע און בענדעט טערלע...

— די פאַבריקאַנטן...

אפשר מיט צוויי וואָכן נאָכדעם, אַז זיי זענען ביידע געגאַנ־גען פון ווינטערדיקן מעריב, איינער אין דער קרומער געסל און דער צווייטער — אויף סלאָבאָדע, האָט מען זיי אָפּגעוואַרט אין די פינסטערע פירהייזער מיט זעק, מען האָט אַרויפגעזעצט די זעק אויף די קעפּ און מען האָט דערלאַנגט:

— נאַ דיר מסרן... נאַ... נאַ...

עמיץ האָט געוואָלט דערלאַנגען אין דער פינסטער מיט אַ מעסער. האָט פּייוועלע זשופּע געהערט אין שרעק אונטערדעם זאַק, ווי איינער רעדט:

— נישט פּעצן... די נשמה לאָזן...

האָט ער דערקענט דעם קול און זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— זוסשע, האָב רחמנות...

און אַז ער איז שוין געלעגן אָן כחות אויף דער ערד, האָט אים זוסשע אָפּגעלאָזט אין דער נאַכט און אין פראָסט:

— קיין וואָרט, אויב דיינע יאָרן זענען דיר טייער...

האָט מען דעם שטרייק געוווּנען און מען האָט גענומען מיט אַ רובל מער אויף דער וואָך. משה לעדערנער, ביי וועמען זוסשע האָט געאַרבעט, האָט אָבער נאָך לאַנג געשריבן דעם חשבון אין בוך אַזוי:

— דריי רובל שכירות און איין רובל בגזלוואָניע...

איינמאָל אָבער, דאָנערשטאָג ביינאַכט ביים אויסצאָלן, האָט זיך זוסשע איינגעשטעלט:

— ר׳ משה לעדערנער, אויס גזלוואָניע...

— און אַז נישט?...

— ווערט מען שוין זען... „פיר רובל שכירות" און — אָן „גזלעוואָיע"!...

— ווערסטו אפשר מיר אָנטאָן אַ זאַק אויפן קאָפּ...

פון דעם פאַרשוואַרצטן פּנים האָט אַרויסגעקוקט אַן אָנגעגליטע שאַרפקייט, ער האָט זיך געוואָרפן צו די ביכער, עס האָט זיך אַ קער געטאָן די שטוב, ער האָט געשריען איבערן גאַנצן פאַבריק:

— אונזער בלוט... אונזערע יאָרן... אונזער ברויט... אַ פייער זאָל עס נעמען... אַ בראַנד... קאַרג אים! — גזלעוואָיע גאָר... אין זיין טאַטן אַריין... גזלעוואָיע גאָר...

מער האָט מען „גזלעוואָיע" נישט געשריבן.

III.

אַלץ איז געווען בסוד.

עס איז אויך געווען אַ סוד, ווי אַזוי אויפן פעלד, אין גראָבן, טרעפט מען זיך שבת. זוסשע איז געווען דער ערשטער, שפעטער פלעגן זיך אין די גאַרבערייען באַווייזן די דינע ביכעלעך:

— „אַ מעשה מיט פיר ברידער..."

זוסשע פלעגט אויף עטלעכע טעג נעלם ווערן. די פאַבריק האָט געמאַכט אַ שוויַיג, ער פלעגט אַוועקגיין אין דער פרעמד אַרומגעפּאַקט אַרום לייב מיט די דינע געפּערלטע שמות. ער פלעגט שוין וויסן וווּ און צו וועמען ער דאַרף אין דער פרעמד אַריינקומען.

— און עס זענען געווען סמנים...

אַמאָל איז ער אַראָפּגעקומען מיט אַ נייס. ער איז געשטאַנען אַזוי און געשוואַרצט דעם לעדער. אין פאַבריק ברענען די רויכערדיקע לאָמפּן. עס שלאָגט מיט לעדער, מיט פעל, מיט בוימאייל, עס בויגן זיך די ברעטערדיקע טישן. האָט ער אָנגעהויבן, זוסשע, גאָר צו זינגען:

— — עדות וועלן זיין הימל און שטערן...

— — — — — — —

איז די גאַנצע פֿאַבריק שטיל געוואָרן, אַלע האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז פֿאַרשטעלטערייד, וועגן וואָס מען טאָר אין דער הויך נישט ריידן.

— בונד...

אַלע האָבן זיך איינגעהערט מיט פֿאַרכאַפּט אָטעם.

— איך געדענק — דערציילט אַמאָל זוסשע — ווי צוויי גאַרבערס מיט בערד זענען געשטאַנען אַנטקעגן מיט אויגן, ווי שטורקאַצן, און געברענט, אַזוי געדענק איך...

עס האָט געטראָפֿן, אַז זוסשע האָט גערופֿן די גאַרבע-רייען אויף שבת אין וואַלד אַריין. דאָרט האָט מען געמאַכט די פֿאַרזאַמלונג.

— וועגן דער זעלבסטהערשונג...

האָט זיך זוסשע בכּיון צונויפֿגערעדט מיט אַ פּאָר חברים, אַז זיי זאָלן אָנלויפֿן מיט „שפּייערס" און אָנהויבן שיסן. זאָל מען זען, צי די אַרבעטער זענען רעוואָלוציאָנער.

— חברים — רעדט דער פֿרעמדער אַגיטאַטאָר, וועמען מען האָט שפּעטער געדאַרפֿט אָפּפֿירן צו דער צווייטער סטאַציע אי-בערגעטאָגענערייד — די גבירים, די נגידים, די זשאַנדאַרן...

פּלוצלונג — מען שיסט, דער עולם טוט אַ ציטער. מען שיסט נאָך אַמאָל. דער עולם ברעכט זיך באַלד. די מאַסע וועט זיך באַלד אַ לאָז טאָן. אַ האַלבע רגע.

— מאַסע, שטיי! — שרייט זוסשע — ווי די העלדן, ווי די קעמפֿער, זייט נישט קיין טרוסעס, חברים, גאַרבאַרעס, בונ-דיסטען, — שטיין!.. מאַסע, זיי גרייט...

מער ריידן האָט ער נישט געקענט. קיינער רירט זיך נישט פֿון אָרט. האָט ער נאָר געמאַכט מיט די ליפּן, מיטן קאָפּ:

— מאַסע!... מאַסע!... מאַסע!...

און קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס ס'איז געווען. אַלץ איז געווען בסוד.

IV

אַמאָל איז זוסשע אַוועק צום באַן, אָפּצוּוואַרטן דעם צוג. איז ער געשטאַנען אַזוי אויף דעם ווייסן וואָקזאַל נעבן דעם פּאַס טרונק-וואַסער מיט די פאַרזשאַווערטע בעכערלעך און דאָרט געוואַרט. אַזוי איז געווען אָפּגערעדט. האָט זיך פון צוג אַראָפּ-געכאַפּט אַ קליין פאַרשטעלט יידעלע מיט אַ חסידיש היטעלע און בלאָנד בערדל גלייך צום פּאַס טרונק-וואַסער און זיך אָפּ-גערופן צו זוסשען:

— „לאַסאַל״...

האָט ער געענטפערט:

„בעבעל״...

האָט יענער דאָס וואַסער געטרונקען און געוווסט שוין, אַז ער מעג רעדן ווייטער און אָנגעזאָגט טרינקענדיק:

— שבת דאָרטן און דאָרטן...

עס הייסט, אַז שבת דאַרף זוסשע זיין אין דער גרויסער שטאָט, אויף י ע נ ע ם אָרט, ער ווייס שוין ווו. און אין אַזאַ צוריקגאַנג פון וואָקזאַל גייט-מיט אַ ריח ניחוח פון דינענקע פּראָקלאַמאַציעס מיט קליינע ווערטערלעך, פון אַ דרוקעריי אין אַ קעלער, אין וועלכער עס אַרבעטן אויסטערלישע מענטשן מיט אויסטערלישע בערד...—

און דאָרטן האָט מען אים געפירט אויף אַ פאַרזאַמלונג אַזאַ, אויף וועלכער עס זענען געווען זייער ווייניק מענטשן. און דאָרט איז געווען איינער בנימין מיט אַ שוואַרצער באָרד, מיט אַ גרויסער שוואַרצער באָרד, ווי ער וואָלט זיין אי אַ רב און אי אַ גלח און אי אַ בונטאָווטשיק. ער איז אומגעגאַנגען אַהין און צוריק איבערן שטוב און גערעדט אַזוי, אַז — ברידער, דאָס קען מען נישט פאַרגעסן... אַזוי ווי דאָס האַרץ ווערט פאַרכישופט..—אַזוי האָט ער גערעדט..

און נאָכדעם האָט דער דאָזיקער בנימין מיט אים אַליין

געשמועסט. און ער האָט אַזוי אַריינגעזאָגט אין די ביינער אַריין, אין בלוט:

— סאָציאַליזם.

און דער סוף איז געווען, אַז מען ווייס נישט, וואָס עס קאָן מאָרגן זיין. מען ריכט זיך אויף גאָר גרויסע זאַכן.

— איר, גאַרבאַרעס, דאַרפט מאַכן אַ „באָיעוואָי אָטריאַד״.

מיט דעם איז זוסשע אַראָפּגעקומען צוריק אין פאַבריק. ער איז אַראָפּגעקומען אַ סך עלטער, סודותדיקער און שטייפער. ער האָט ביי זיך געטראַכט וועגן דעם בנימין מיט דער באָרד:

— אַ באַרג מיט אימה און פאַרטאַיעטקייט..

און שפּעטער האָט מען אין גראָבןביים פעלד זאַלבעפינפט געשמועסט:

— באָיעוואָי אָטריאַד.—

V.

— פּלוצלונג

אין סאַמע מיטן דערינען האָבן די זשאַנדאַרן פון גובערניע אים אַרויסגעכאַפּט אין מיטן אַ נאַכט צוזאַמען מיט אַ „שפּייער״, פּראָקלאַמאַציעס און ביכלעך. אַז זיי האָבן געטרייסלט זיין שטוב, האָבן זיי רק געשריען:

— דו האָסט צוראַבעוועט די אַנדרעעווצער פּאָטשט. דו, בונטאָווטשיק.

האָט מען זוסשען אַוועקגעפירט אין קייטן. גאַרבערס האָבן אים געוואָלט אָפּשלאָגן, נאָר עס איז געווען אַ גרויסע וואַך פון גובערניע, אפילו מיט זעלנער. האָט זיך גערודערט די גאַנצע שטאָט:

— מען פירט זוסשען אין סיביר.

און אַז מען האָט אים געבראַכט אין גובערניע אַריין, האָט דער זשאַנדאַרמסקער פּאָלקאָווניק אָפּגענומען דעם דאָפּראָס און נאָכדעם האָט מען געשלאָגן איינמאָל נאָך דעם אַנדערן מכות-רצח.—

— ברידערלעך, האָט מען דערלאַנגט... יאָטן, מען האָט געבוצקעט מיט פרענטעס, מיט אייזערנע הענטשקעס, אין די זייטן, אין מאָרדע, אין צורה...

אָפּגעזעסן איז ער מער ווי אַ יאָר ביזן געריכט. נאָכדעם האָט דער הונט אַריינגעהאַקט „דריי יאָר שוואַרצן ברויט אין קאַבינעט.*)"

דעמאָלסט האָט זיך אָנגעהויבן די מעשה מיט די אויגן. עס האָט רק געשניטן אין די אויגן און ווי געטון. אין דער פרי פלעגט ער זיך אויפכאַפּן און די אויגן זענען געווען פאַר-קלעפּט. דער פעלדשער האָט געגעבן אַזאַ געלבלעכן וואַסערל מיט אַ טונקעלער וואַטקע, האָט עס געברענט, ווי מיט הייסע קוילן. פלעגט אין די אויגן אַלץ טונקעלער ווערן און געזען האָט ער ווי דורך אַ פאָרהאַנג.—

— עס האָט זיך אויף מיינע אויגן אַראָפּגערוקט, ווי אַ אייזערנע שייד פאַמעלעך, לאַנגזאַם...

האָט ער דערפילט, אַז ער ווערט בלינד. האָט ער איינ-מאָל אין אַ פרימאָרגן נישט אויסגעהאַלטן און אָנגעהויבן שרייען פון די קראַטעס אַרויס. נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן ברעכן דאָס מעבל אין זיין קאַמער. אַז דער שליסלער איז אָנגעקומען מיט זיין:

— מאָלטשי, קאַנאַליע, סלושיי..—

האָט זוסשע צואַרבעט אַזעלכע מעשים, אַז מען האָט אים אַריינגעוואָרפן אויף דריי טעג אין קאַרצער אויף ברויט און וואַסער. איז אים דאָרטן אין קאַרצער געוואָרן אַזאַ פאַרפרוירע-נער חושך אין קאָפּ. ער האָט געטאַפּט זיינע אויגן ליגנדיק אויף דער ערד, געוואָלט דערזען די אייגענע פינגער און זיי נישט דערזען, אַרום און אַרום האָט זיך געדרייט אַזאַ טונקלניש, אַזאַ קיילעכדיקע פינסטערקייט.—

— איך האָב געמיינט, אַז דער שלאַק טרעפט מיך..

אין אַז מען האָט אים אַרויסגענומען פון קאַרצער איז

*) דריי יאָר טורמע אין איינצל־קאַמער.

נאָך עפּעס אַלץ פינסטער געווען. אַרויס פון טיר און — ס׳איז נאָך אַלץ חושך, קיין זאַך זעט מען נישט. האָט ער צום ערשטן מאָל אויסגעצויגן די הענט און געטאַפּט אין חלל און גאָרנישט אָנגעטאַפּט.

דער סאָלדאַט מיטן ביקס איז פאַרגאַפט געוואָרן און גע-זאָגט אין דער הויך:

— ער זעט נישט. ער איז בלינד. יעי באָגו..

זאָגט זוסשע אַזוי:

— שטילערהייט האָב איך זיך אינעווייניק צווויינט.. איינ-מאָל, מער קיינמאָל ניש. אָבער קיינער האָט נישט געהערט, נאָר איך אַליין.

ערשט אין וואָכן אַרום איז אָנגעקומען אין דער היימי-שער שטאָט, אין די גאַרבערייען, די אויסטערלישע נייעס:

— זוסשקע איז בלינד געוואָרן אין מורמע...

VI.

אָפּגעזעסן, איז זוסשע אַרויסגעקומען אַ בלינדער. געפאָרן אַהיים איז ער מיט אַזאַ געדאַנק:

— איצט וועט מען ערשט אָנהויבן.

נאָר אַז ער איז געקומען אין שטאָט, איז אַלץ שוין גע-ווען אויסגעווינטעוועט, האָט ער זיך בלינדערהייט אַוועקגעלאָזן:

— צו יאָסלען...

און געטענה מיט זיינע פינסטערע אויגן:

— מע וועט אָנהויבן צונויפקלויבן...

ער האָט גאָר קיין פחד נישט געהאַט, ער איז נאָך אַזוי בלינדערהייד דרייסטער געוואָרן. האָט ער זיך געפרעגט:

— איז דאָ אַן אַדרעס?

— ניין...

— קומט ווער?

— ניין...

האָט ער זיך אַוועקגעלאָזן מיט אַ נייעם שטעקן אין האַנט

אין דער גרויסער שטאָט. ווער ווייס, צי וועט ער צומאָל נישט באַגעגענען אויף יענעם אָרט דעמזעלביקן בנימין מיט דער שוואַרצער באָרד?...

דאָרטן האָט ער אויפגעגעבן זיין אַדרעס:

— זוסשע דער שוואַרצער. שיקט וואָס איר האָט... מיר נע־מען זיך צוריק...

אַז ער איז צוריקגעקומען, האָט ער מיט זיין שטעקן זיך אויסגעקלאַפּט אין בלאָטע דעם וועג צו די גאַרבערייען, איינער אַליין. ער פלעגט אַזוי שטיין איבער דעם גאַרבערייען־טיש ביי די וואַלקערס, צי ביי די שוואַרצערס:

— עס טוט זיך אויף דער וועלט.

— מען דאַרף זיין גרייט.

ער האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי זיין מאַמען אין שטוב. זי האָט דאָך גאָרנישט געקאָנט מאַכן: אַן עלטערער בלינדער זון. פלעגט מען זיך ביי אים אין די אָוונטן צונויפקלויבן און זוסשע פלעגט אָנדערציילן וועגן דער וועלט...

עס פלעגט אָנקומען אַ בריוו פון דערווייטנס, זוסשעס אַדרעס איז באַקאַנט, אַמאָל אַ ביכל, אַמאָל כאַפּט זיך זעלטן־ווער אַראָפּ פון דער פרעמד מיט נייעס. פאַר זוסשען פלעגט אַ חבר פאָרלייענען אין די בלינדע אויגן אַריין, אין טראַכטנדיקן קאָפּ אַריין. — פּאָליציי האָט געשמעקט. נאָר וואָס האָט זי געקאָנט טאָן מיטן בלינדן?

מען האָט געוווּסט, אַז דער נייער שטרייק שטאַמט פון זוסשען. די טריפּהנע בלעטלעך אויף די ווענט און סלופּעס שטאַמט פון זוסשען, ביים האַנט האָט מען אָבער נישט געכאַפּט וואָס זשע טוט מען אים?...

און וואָס קאָן מען אים טאָן, אַז אַזוי איינער אַליין גייט ער דעם ערשטן מאַי אויף דרויסן מיט אַ רויטן בלימל אין לאַץ זיינעם?...

מען זעט אים גייענדיק איבערן מאַרק, מיטן שטעקן, גיי־ענדיק אַזוי אַ בלינדער. גייט אָנגעשטרענגט, גלייך, מיט איין

ציק, מיט די אויפגעהויבענע אַקסלען און איינגענורעטער קאָפּ־טייטלט מען:

— דער בונדיסט לאָזט זיך.

VII

טרעפן אַרעסטן, פּאָגראָמען, רעוואָלוציעס — מען צולויפט זיך; וואָס מען האָט געבויט, ווערט פאַרניכטעט. מען פאַרשטופּט זיך אין די לעכער, נאָר אַז מען כאַפּט זיך צוריק אַרויס, קומט מען צו זוסשען — ער האָט איינגעהיט, אויפגעזאַמלט, האָט שוין פון דאָרטן, פון דער וועלט אַ בריוו באַקומען.

— חברים, מירן מאַכן אַ פאַרזאַמלונג.

און אויף דער פאַרזאַמלונג רעדט ער מיט די בלינדע אויגן. און אַז מען דאַרף עפּעס באַשליסן, הויבט ער אויף דער ערשטער אין דער הויך זיין האַנט, וואָס דאַכט זיך, אַז זי זעט אַנשטאָט זיינע אויגן.

ער מאָנט וואָכער־געלטער און שטייערן. ער ווייס אויסנ־ווייניק דעם חשבון. אין איין וואָך איז ער אויסן ביי אַלעמען, און ער באַזאָרגט עס אַהינצו, ווו מען באַדאַרף.

האָט מען איינמאָל געמאַכט אַ גאַרבערישע ליאַמע צוזאַ־מען מיט זוסשען. די גאַרבערס קאָנען אַ ליאַמע מאַכן. האָט עמיץ ווער זיך אַרויסגעכאַפּט:

— איך טרונק פאַר זוסשען דעם נר־תמיד...

און מען האָט אים געהויבן אין דער לופטן, געהאָצקעט אַזוי אין דער הויך מיט זיין בלינדן פנים:

— זוסשקע נר־תמיד... זוסשקע!

איז אַזוי פאַרבליבן זיין נאָמען.

VIII

אַצינד שטייען מיר אויפן בלאָטיקן מאַרק, צוזאַמען נעבן דער הילצערנער פּאָזשאַרנער בודע.

קוקט אַזוי זוסשע מיט זיין בלינדן פּנים, ווי ער וואָלט דאָך וועלן עפּעס דערזען. און זאָגט אַזוי:

— ווייסט איר נישט, ווו איז אַהינגעקומען דער געביין פון איינעם אַזאַ בנימין מיט אַ שוואַרצער באָרד. ער מוז שוין היינט געוויס זיין אַ גרויער. אַודאי אַ גרויער. ווייסט איר נישט? אונזערער אַ בונדיסט. ווייסט איר נישט? בנימין מיט אַ שוואַרצער באָרד.

אונטער א טויער

I

דאָס גרויסע רוסלאַנד האָט געברענט פון אַלע ארבע רוחות. לייבעלע טל-ומטר איז געווען אין סאַמע מיטן דער שרפה.

ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט פלענער, ווי אַזוי מען זאָל פאַרכאַפּן געוועד און איינגעמען די גאַנצע שטאָט. מען זאָל אונטערצונדן די קאַזאַרמעס און די סאָלדאַטן אַריבערנעמען אויף דער אייגענער זייט. דער קליינער, דאַרער טל-ומטר מיט דעם איין און איינציק אויג איז אומגעגאַנגען איבער דער „בערזע" און דערציילט אויף זיכער, מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם:

— אויף די קריגס-שיפן הענגען שוין רויטע פענער...

די מעשה איז געווען מיט לייבעלע טל-ומטר אין פינפטן יאָר.

II

ער איז שטענדיק געווען אַ הונגעריקער. זיין מלאכה איז

געווען צו זיין אַ רימער. אָבער ער האָט שוין אַזאַ מזל געהאַט אַרומצוגיין כסדר ליידיק און זיין הונגעריק. נאָר דאָס איז קיין בייז נישט. מער נישט זיין איין און איינציק אויגל אויף זיין פּנים האָט קיינמאָל נישט געשמייכלט און געלעבט פאַר זיך אַ כמורנעם לעבן. אין די ווינטערדיקע און אין די זומערדיקע טעג, בשעת ער איז הונגעריק געווען, פלעגט ער זיך דערמאָנען אָן דעם, ווי אַזוי זיין טאַטע —

— איז געשטאָרבן אונטער אַ טויער...

ער האָט, אייגנטלעך, זיין טאַטן נישט געקענט. אַז זיין טאַטע איז געשטאָרבן, איז ער נאָך געווען אַ קליין עופהלע, אַ דאַר קאַרליקל אין ווינגל, מיט איין איינציק אויג אין קאָפּ. ער האָט גאָר קיין השערה נישט געהאַט, ווי אַזוי זיין טאַטע האָט אַמאָל אויסגעזען. מער נישט אין זיין מאַרך און ביינער איז פאַרבליבן די מעשה, ווי אַזוי זיין טאַטע איז געשטאָרבן.

— אונטער אַ טויער...

די מאַמע האָט דאָס אַמאָל דערציילט.

מע האָט תמיד געהונגערט אין שטוב. דער טאַטע איז געווען אַ מאַלער, זומער פלעגט ער נישט פאַרדינען און ווינטער איז לעולם קיין אַרבעט נישטאָ. איז ער אומגעלאָפן גאַנצענע טעג נאָך אַ פּרוטה, אַ שטיקל ברויט צו ברענגען אַ היים.

— און אָט אַזוי — האָט דערציילט די מאַמע — איז דער טאַטע דיינער געשטאַנען איבער דיין בעט, אַז דו ביזט נאָר־שמאַכט געלעגן, אַ הונגעריק עופהלע...

און ער איז געווען אַ קראַנקער מענטש, אַ יאַדישלעווער, און אָן ברויט קאָן מען אַהיים נישט קומען.

— נו איז ער געפאַלן אונטער אַ טויער..

אַזוי האָט אַמאָל די מאַמע דערציילט. קאָן ער דאָס נישט פאַרגעסן. ליגט פאַר זיינע אויגן דער טאַטע זיינער ביינאַכט אין נאַסקייט. אין פינסטער אַ מת אונטער אַ טויער...

און דאָס האָט שוין לייבעלע טל־ומטר, אַ פּנים, געירשנט פון זיין טאַטן — ער איז אויך געווען שטענדיק אַ הונגעריקער. אַצינד האָט ער זיך אָבער אַרומגעטראָגן מיט פּלענער, ווי

אַזוי מען זאָל פאַרלאַפּן געווער, ווי אַזוי מען זאָל אונטערצינדן די קאַזאַרמעס, ווי אַזוי פּען זאָל פאַרשיטן די שטעט מיט „קנײדלעך"...

— ברידער, אויף די שיפן הענגען שוין רויטע פענער...

III

אין שטאָט האָט געאַקערט מיט בהלה. אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט איז מען וואַך געווען. אויף דעם גרויסן מאַרק-פּלאַץ איז מען געזעסן אויף די שטאָטישע בודעס, אויף דער ערד, אויף די דעכער אַלץ איז געווען פאַנאַנדערגענומען, פאַנאַנדערגע-בונדן, און עס האָט געקנאַקט די שרפה אין לאַנד...

לײבעלע טל-ומטר איז געווען אין סאַמע מיטן דער שרפה. אויפן הויף, וווּ ער האָט געוווינט אין קיכל ביי דער אַלמנה — אויף דעם הויף האָט ער געהאַט באַגראָבן אין אַ הילצערנעם קעסטל צוועלף „שפּייערס". —

אויפן מאַרק-פּלאַץ איז געווען אַ האַלבע שטאָט. מען איז געשטאַנען מיט רויטע פענער און — גאָרנישט. קיינער טוט גאָר-נישט. מען האָט געפּאָדערט פון פּאָליציימייסטער אַז ער זאָל אַ-רויסלאָזן פון טורמע אַלע אַרעסטירטע. איז מען געשטאַנען און געוואַרט, וואָס דער פּאָליציימייסטער וועט ענטפערן. לײבעלען האָט געשראָקן די לאַנגע וואַרטעניש, דאָס איז אים נישט גע-פעלן געוואָרן. ווער ווייס, וואָס די הינט גרייטן דאָרט צו. אַ קשיה אויף אַ מעשה. ער האָט אָנגעשמעקט אַזוי מיט זיינע דאַרע ביינער, אַז די בעסאַראַבער סאָלדאַטן וועלן נאָך שיסן אויך היינט אין גאַס. עס וועט נאָך אָנקומען יענע ראָטע מיט די צע-שטופּלטע פּנימער, מיט וועלכע מען האָט זיך געשלאָגן אין גאַס, בעת דעם גרויסן שטרייק. איז געקומען, ווי אַ בליץ אַ רעיון צו לײבעלען אין מוח, און אויף דער צענטער מינוט האָט עס שוין געבונטעוועט ביי דריי טויזנט מענטשן צוזאַמען:

— צו דער טורמע!.. לאָמיר עפענען די טורמע!..

און מען העט זיך אַ לאָז געטון אַהינצו.

IV

ביי דער צווייטשטאָקיגער ווייסער טורמע, הינטער די פאַרשוואַרצטע קראַטעס, איז געשטאַנען די מאַסע. פון די טורמע-פענסטער, פון דער טונקל האָבן די אַרעסטירטע אַרויסגעקוקט. אַרעסטאַנטן-אויגן האָבן זיך געריסן צום דרויסן, ווי עס רייסן זיך ווילדע פויגל אין די רוימען אַריין...

— ברידער, באַפרייט אונז!..

עס איז געווען אַ מוזיק, וואָס האָט אַ הייסן דראָב צעשאָטן איבער די לייבער. איבער די בלוטן. דאָס האָבן די אַרעסטאַנטן געבראָכן די ווענט און טירן. מען האָט צעפליקט די הילצערנע גאַרעס און מיט די קלעצער פון די נאַרעס, מיט די פיס און ברעטער פון די טישן האָט מען געהאַקט די ראַמען, די טירן.

— טאַך... טראַך... טאַך...

די פאַרקאָוועטע אין טורמע האָבן מיט די הענט געריסן די ווענט ביז בלוט. קעפ האָבן זיך אַלע ווילע געשטעקט פון די קראַטעס. קעפ צעשויבערטע. און אַריינגעשריען אין גאַס אַריין. און יעדער געשריי איז געווען, ווי אַ גראַנאַט, וואָס רייסט אויף — זאָל לעבן די פרייהייט!...

די מאַסע האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום שווערן טורמע-טויער. מען מוז אים אויפברעכן. דער עולם טוט אַ שטופ. דער טויער וויגט זיך. נו, — נאָכאַמאָל, נאָכאַמאָל...

— „און אפשר שטייען פון יענער זייט זעלנער און ווי מען וועט אַן עפן טאָן דעם טויער, וועט זיך דערהערן דער ערשטער זאַלפ — ווער ווייס?” — דאָס איז איינגעפאַלן אים, לייבעלען טל-ומטר, ער האָט עס עמיצן אַ זאָג געטאָן און ער האָט גלייך געהאַט אויף דעם זיין עצה.

טל-ומטר איז געקראָכן אויפן פאַרקאַן. ער וועט דער ערשטער אַריבערקריכן אויף יענער זייט. ער האָט זיך גיך-גיך געדראַפעט אויפן טויער און זיין צעריסענער מאַנטל איז אים נאָכגעהאַנגען פון הינטן.

האָט עולם געזען, ווי לייבעלע קריכט אויפן טויער. איז דאָס אַלעמען געפעלן געוואָרן. עס איז דורך איין געשריי דורך דער מאַסע:

— זעט נאָר, ווי ער קריכט. זעט נאָר...

און אין דער זעלבער רגע האָבן אָנגעהויבן נאָך אים זיך אַרויפדראַפּען אויפן טויער נאָך מענטשן. נאָך און נאָך, איטשע גאַלאמבניק, דער גראָבער — ער אויך.

מען האָט זיך געדראַפּעט איינע נאָך די אַנדערע. ווי עס דראַפּען זיך קעץ. די גאַנצע מאַסע האָט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געהאַלטן אויסגעצויגן די קעפּ אין דער הויך.

דעמאָלסט אָבער האָט זיך אומגעריכט אָנגעהויבן די שיסעריי.

ט

אַ ראָטע זעלנער איז אָנגעקומען לויפנדיק פון אָנהויב גאַס, מען האָט נאָך די זעלנער נישט אַרויסגעזען. אָבער מען האָט שוין געהערט זייער שיסן. געשאָסן האָבן זיי צוזאַמען. און פון איין מאָל ביז דעם צווייטן — אַ לאַנגע פויזע...

דאָס שרעקן זיי די אויפגעבונטעוועטע מאַסע. עס גייען די בעסאַראַבער צעשטופּלטע סאָלדאַטן.

דער עולם האָט אַ ציטער געטאָן, מען האָט נאָך נישט געזען די סאָלדאַטן. נאָר דער ביקסן-שרויט האָט צעלעכערט, ווי אַ ריב-אייזן, די געשלאָסנקייט און מוטיקייט.

— זיי אַנטקעגן!... — האָט אַ חברה אַ זאָג געטאָן און געלאָזן זיך פאַר די הענט פאָרויס.

אָבער זיי זענען צעמישט געוואָרן צווישן דעם צעשראָקענעם, צעלאָפּענעם, בהלהדיקן עולם. עס איז געוואָרן אַ שטיקעניש, מען איז געפאַלן איינער איבערן אַנדערן. מען האָט געוואַלדעוועט, גויאישע גאַרבערס און וואַלקערס, וואָס זענען געווען אין מיטן, האָבן עפּעס הויך געשאָלטן און אַליין נישט געוווסט וועמען זיי דאָס...

די ראַטע סאָלדאַטן איז שוין נאָנט אָנגעקומען. אָט גייען זיי שוין מיט די ביקסן. זיי האָבן נאָך מורא גאָר נאָנט צוקומען. טייל פון דעם עולם ליגט אויף דער ערד, טייל פון די, וואָס האָבן געקלעטערט אויפן טויער, זענען אַראָפּגעפאַלן צוריק. די ראַטע האָט נאָכאַמאָל אויסגעשאָסן גלייך אויפן טויער. עמיצער האָט זיך אַ דריי געטון, אַ וואַקל און — אַ לאָז אַראָפּ אויף דער ערד.

— צום טויט...

אין דער רגע איז אויפן שפּיץ פון טויער, ביי די שפּיציקע טשוועקעס, געווען איין לייבעלע טל-ומטר. זיין איין און איינציק אויג האָט געקוקט איבער דעם גאַנצן פּלאַץ אַרום, פאַרריסן דעם קאָפּ צו די קראַטעס פון טורמע, און אין זיינע ביינער האָט געברענט אַ קדחת...

וואָס טוט ער דאָ אויפן שפּיץ טויער? ער וואָלט גלייכער געדאַרפט זיין אונטן. ער וואָלט מיט דער גאַנצער מאַסע געלאָזט זיך גלייך אויף זיי, אויף די סאָלדאַטן, גלייך אַנטקעגן. — אָבער ער וועט נישט אַראָפּגיין פון טויער. דאָס וואָלט זיין אַ פּחדנות. ער וועט זיצן אַזוי אין דער הויך, אין דער לופטן, איבערן טויער — נישקשה, די טורמע וועט מען נאָך עפענען, באַלד...

איז ער געזעסן אויפן שפּיץ פון טויער. דאָס היטל זיינס איז אים ערגעץ אַהינגעקומען, איז ער געזעסן מיטן בלויזן קאָפּ און געקוקט מיט איין אויג גלייך צו די גלאַנציקע שטיקעס.

— טוט מיר עפּעס, איך האָב פאַר אייך קיין מורא נישט...

און אַז ער האָט דאָך נישט געוווסט, וואָס צו טאָן, האָט ער איינער אַליין אויסגעשריען צום דרויסן:

— נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!...

— זאָל לעבן די פרייהייט!...

אין דער רגע האָט אים אין בויך אַריין געטראָפן אַ קויל. נאָכדעם האָט אים שוין געטראָפן אין פּלייצע, אין פוס, און ער האָט קיין ברירה נישט געהאַט — ער איז אַראָפּגעפאַלן.

VI

און זעט אויס, פאַר זיין שטאַרבן האָט ער געזען, ווי זיין טאַטע דער מאַלער ליגט אַ געהלשטער אין נאַסקייט אונטער אַ טויער, ווייל זיינע לעצטע ווערטער זענען געווען:

אונטער אַ טויער... איך אויך... אונטער אַ טויער...

געבראַכט די פּאָן...

I

דער קליינער לייבעטשקע איז געווען דער גרינדער פון דעם „קליינעם בונד". לייבעטשקע איז שוין געווען ביי בערל טאָקער אויף דער לער, אָפּט צוגעהונגערט, געקריגן געשלאָגן, רק אַרומגעלאָפן אויף גאַנגען, אומגעטראָגן געדרייטע העלצער, פּיס פון טישן, געזימסן פון שאַפעס, פון בעטן. געשלאָפן אין טאָקאַרניע, צוגעדעקט מיט דער פרעמדער, צעלעכעטער, האָריקער קאָלדרע און געהאַט חלומות פון די מעשה-ביכלעך, וואָס ער פלעגט לייענען שבת.

איז אַראָפּגעקומען פון וואַרשע חיים גראַווירער אויף ראש-השנה. און דעם גאַנצן ווונדערלעכן סוד האָט לייבעטשקע זיך דערוווסט פון דעמדאָזיקן חיים, וואָס ער איז נאָך, אייגנטלעך, אויך אַ יונגל, נאָר ער זעט שוין אויס אַקוראַט, ווי אַ בונדיסט דאַרף אויסזען — שטילע אויגן, פון פּנים אטעמט אַ אנטפלעקונג, די רייפן אַרום די אויגן מאַכן טיפער עפּעס אַן ערנסט, דאָס שוואַרצע העמדל מאַכט שוואַרצער די האַרטנעקיקייט, דער גאַנג, וואָס מען גייט אַזוי מיט זיך אַליין, זיגלט אָפּ אַזאַ קנאיש

קייט און עקדה-גרייטקייט. מיט דעמדאָזיקן גאַנג זענען געגאַנגען שוין אַ סך נייע מענטשן אין די שטעט. חיים גראַווירער איז שוין אויך געווען אַזאַ.

פון דעמדאָזיקן חיים גראַווירער איז לייבעטשקע געוויר געוואָרן וועגן דעם „קליינעם בונד", וואָס אין וואַרשע. און חיים האָט פאַר אים פיל דערציילט, און אַ גאַנצע נאַכט אַזוי האָט שפּעטער אַוועקגעגלאַנצט פאַר לייבעטשקען דעם קייסערס פּאַלאַץ, שליפעס פון גענעראַלן, די פּאָטשט מיט די דרייפערד פון גובערנאַטאָר, און דאָס האָט זיך עפּעס צונויפגעפלאָנטערט מיט דער טונקעלער טאָקאַרניע, אין וועלכער עס ווילט זיך נאָר עסן.

— גלייכקייט... נישטאָ קיין אונטערדריקטע... קיין אָרימע... קיין הונגעריקע.. קיין קייסער... מען האָט פאַר קיין זאַך קיין מורא נישט... מ'עז זיצט אין טורמע... אין סיביר... מען גייט אויף תליה... מען גיט אַ שבועה ביי דער רויטער פאָן... — האָט עס חיים גראַווירער, וואָס איז אייגנטלעך לייבעטשקע אַ שוועסטערקינד. ראש-השנה-צייט דערציילט, און עס איז געוואָרן אַ שרפה אין דעם קליינעם אויסגעמאָגערטן לייבעטשקען. און אין מיטן וועלט אַזוי האָט געברענט אַ הערצישקייט און ליכטיקייט.

און אַז לייבעטשקע איז שוין דאָס אַלץ געוויר געוואָרן, האָט ער זיך צונויפגענומען מיט דעם בלאָנדן יודלען און געמאַכט מיט די קליינע שוין אַרבעטערישע הענט:

— מיר וועלן דאָ אויך מאַכן אַ קליינעם בונד... און קעמפן... אַזוי ווי אין וואַרשע...

גלייך נאָך אין דעם זעלביקן ראש-השנה איז מען צוגעשטאַנען צו דער זאַך: צוויי צענטליק קינדערשע אויגן, צוויי צענטליק אָנגעצונדענע בליקן, אַ צענטליק וואַרימע הערצער.

— דער קליינער בונד...

II.

צווישן די גרויסע בונדיסטן האָט מען זיך באַלד וועגן

לייבעטשקען דערוווסט און שוין יום־כפור האָט מען אים צוגע־לאָזן צו דער פאַרזאַמלונג אין וואַלד. לייבעטשקע איז געקומען גלייך פון שול אין וואַלד אַריין. ער איז געקומען שוין אין מיטן. עפּעס איז געווען אַ ראָד אַרום. אין מיטן ראָד איז גע־שטאַנען אַ פרעמדער, אַ געקומענער. דאָס איז געווען דער רעד־נער, ער איז געקומען פון ווייט — צי פון וואַרשע, צי פון ווילנע, צי פון פעטערבורג...

לייבעטשקע איז געבליבן דאָ אין מיטן וואַלד פאַרגאַפט. עפּעס ציטערן לכתחילה די ביינער — אָט אָ דאָס איז עס, בונדיסטן. לייבעטשקע האָט נאָך געפאַסט. די בוימער שרעקן מיט זייער שאָקלען זיך. אַזאַ מאָדנער יום־כפור דאָ אין וואַלד. אַלץ גרויסע אַרבייטער. ער איינער איז נאָר אַ קליינער דאָ. און יענער רעדט עפּעס אַזוי אומגעוויינלעך, אָט קוקט ער אים גלייך פּנים אַריין און רעדט, משמעות, צו אים אַזוי אויג אויף אויג דאָ אין וואַלד, און ער איז עפּעס אַ טייל פון עמיצן, פון עפּעס זייער גרויסעס, און ער איז צונויפגעבונדן. אויס יתום נאָך זיין טאַטן. לייבעטשקע שפּירט, אַז מען האָט אים אָנגערירט. ער ווייס אַליין נישט ווער, נאָר עפּעס מיט אַ סך הענט האָט מען אים אָנגערירט. און עס האָט זיך געוואָלט לויפן. אַזוי צעוואָרפן די הענט און די פיס לויפן אין שטאָט אַריין. אָט אַזוי זאָלן אַלע אַריינלויפן אין שטאָט אַריין.

— מיר גייען באַפרייען די וועלט פון איר וויי, מיר גייען די מענטשהייט באַפרייען... — רעדט דער רעדנער. מאָדנע — די וועלט האָט אַ וויי. יאָ, לייבעטשקע פילט עס איצט אין וואַלד. אָט גייט מען באַפרייען די וועלט. די גאַנצע וועלט פון איר וויי. ער האָט נאָך קיינמאָל די וועלט נישט געזען. נאָר איצט קומט די גאַנצע וועלט, אַזאַ לייבעטשקע־וועלט אין בלוט אַריין, אין די פערצן יאָר אַריין.

— אַלע אַרבעטער, יידן, גוים, זענען אַלע איין אַרבעטער־פאָלק... זאָגט ווייטער דער רעדנער — איין ליידנדיק פאָלק...

די אַלע, וואָס שטייען דאָ, זענען עס פון יענעם פאָלק. מען איז עפּעס נישט קיין יידן. אויס, און יום־כפור איז נישט

יום-כפור, מען שטייט אַזוי אָפן פאַר דער גאַנצער וועלט. אַנט קעגן אַלעמען.

— און מיר שווערן אונטער דער רויטער פאָן...

לייבעטשקע האָט געזוכט מיט די אויגן. ווו איז דאָ די רויטע פאָן? — מען זעט איר נישט. מסתמא איז זי באַהאַלטן ער-גען אונטער דער ערד. דאָס איז די וויכטיקסטע, די סודות-דיקסטע זאַך. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען קיין רויטע פאָן.

נאָכדעם האָט מען געזונגען. שטיל. געפּרעסט און פעסט געזונגען.

איך וויקל דיר איין אין פאָנע דער רויטער.
און הייל דיר מיט קישן דיין האַנט...

לייבעטשקע הערט עס צום ערשטן מאָל, ער האָט געזונ-גען מיט די אויגן, מיטן קינדערשן האַרץ, מיט די יונג פראָ-לעטאַרישע הענט און ביינער.

צו נעילה איז מען געקומען צוריק אין שטאָט אַריין. שטיל אין שטאָט. אַזוי ווי אַ לויה וואָלט זיין די שטאָט. אַ שטילע לויה, וואָס די גאַנצע שטאָט גייט נאָך און מען זעט נישט קיינעם פון די נאָכגייער. עס גייען אַזוי צוועק די מויערן, די גאַס, דער פאַרנאַכט, און די שקיעה פון דער זון איז געווען אַ משונהדיקע, און לייבעטשקע האָט געטראַכט, אַז דאָרט, ווו די זון פאַרגייט, איז דאָס דער ווייי פון דער וועלט. אַזוי איז ער געקומען צוריק אין שול, צו זיין פעטער יוסף-מרדכי דעם שוסטער. דער פעטער יוסף-מרדכי האָט אים דער-לאַנגט, אומגעריכט, צוויי פעטש, איינס און דאָס אַנדערע:

— נאַ, שייגעץ, לאָבוס, אויף אַ גאַנצן יום-כפור פאַרפאַלן געוואָרן!...

עס האָט אים אָפּגעקלונגען אין די אויערן. אין דער צע-טומלעניש פון דער ערשטער רגע, האָט אים אין די אויערן געקלונגען צוזאַמען מיט די פעטש:

איך וויקל דיר איין אין דער פאָנע דער רויטער
און הייל דיר מיט קושן דעם וווּנד...

III

פון דעמאָלסט אָן האָט זיך לייבעטשקע אינגאַנצן אָפּגע־ריסן פון די קרובים. שטום געשטאַנען אין ווינקל ביי דער טאָ־קאַרניע און געדרייט, געדרייט מיטן פוס די טאָקערײַ. און ווי נאָר אָוונט, איז ער אויפן סקווער פון דער וואַרשעווער גאַס — דאָרט איז דער קליינער בונד. דאָרט ליגט אָפּ לייבעטשקע דער שוואַרצהאָריקער, אין אָפּגעטראָגענעם האָריקן מאַנטל מיט די אָפּגעריסענע קעשענעס — דער קליינער בונדיסט, און גייט אום מיט די לערנייינגלעך, און דערציילט, און מאַכט מיט די הענט, און קוקט יענע אין די געזיכטער אַריין...

ביז ס׳איז געקומען שוין אַזאַ צייט, אַז לייבעטשקע האָט דערשפּירט, אַז עס דאַרף שוין עפּעס אָנקומען, עס דאַרף שוין עפּעס זיין. עס האָט שוין געשמעקט אויפן קווער פון וואַרשע־ווער גאַס מיט עפּעס טאָן. און דאָס איז טאַקע געקומען — אין וואַלד יוגאַן, וואָס ביים וואַרשעווער טראַקט.

עס האָט געברענט די יאַפּאַנישע קריג, די מפּלות זענען געווען איינע נאָך די אַנדערע. איז געקומען די גרויסע מפּלה ביי דער פּאָזיציע יוהאַן. אין מאַנדזשוריע. האָט מען דאָ גע־מאַכט אַ פאַרזאַמלונג אין וואַלד ביים וואַרשעווער טראַקטאַט אין וואַלד יוגאַן ווי ער הייסט ביז היינטיגן טאָג.

עס איז געווען שבת זיבן אַ זייגער פאַרטאָג, פּירהונדערט מענטשן זענען געקומען אין וואַלד אַריין. מען האָט געציילט איינעם און איינעם. מען האָט געדאַרפט פאַרבייגיין די געהיימע פּיקעטן און זאָגן דעם פּאַראָל „יוהאַן״. דעמאָלסט האָט מען גע־וויזן ווי צו גיין ווייטער. פון קליינעם בונד האָט מען שוין צוגעלאָזן גאַנצע פינף. פאַרשטייט זיך, אַז לייבעטשקע איז שוין דאָרט געווען.

און דאָס גרעסטע, און דאָס סודותדיקסטע, און דאָס היי־ליקסטע איז געווען — די רויטע פאָן. צום ערשטן מאָל, וואָס ער זעט די רויטע פאָן. אַ גרויסע, אַ זיידענע, און זי איז

אַרייַנגעשטעקט אין דער ערד. ער האָט אָנגערירט דעם שטעקן׳ געגלעט די זייַדנס. הייסט עס, אַז אויף אַ פֿאָן שרייַבט מען׳ ער האָט עס גאָרנישט געוווּסט. אַזעלכע גרויסע, געדרוקטע אותיות: „בונד״. אַזוי ווי זיי וואָלטן זייַן אָנגעצונדענע. עס שווינ-דלט פֿון דעם אין די אויגן. אָט בייַ דער פֿאָן שווערט מען עס. אין איר וויקלט מען עס איין. מיט איר גייט מען אויפֿן גאַס אַרויס. דאָס איז די רויטע פֿאָן. עס האָבן אין אים די ביינער געצאַפּלט. ערשט עס איז געפֿאַלן אין וואַלד:

— דראַגונער רייטן אַהער...

עס האָט אַ פּלאַטער-געטאָן אין וואַלד. די בוימער האָבן זיך אַ בויג געטון.

— חברים, נישט פֿונאַנדערלויפֿן זיך, העלדיש, צוזאַמען זייַן, אויב איינציקווייז, וועט מען אונז צעשיסן, ווי די הינט... חברים, נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!...

— אוראַ!...

— נידער מיט די הענקער!

— אוראַ!...

עס הערט זיך אַ טרומייטער אין וואַלד, ווי מען טרומיי-טערט אויף טרעוואָגע: אין באַגינענדיקן וואַלד גייט דורך אַ ציטער, אַ וואָרעניש אין פֿרימאָרגנדיקן וואַלד. מען טרומייטערט פֿון אייניקע זייטן. דראַגונער אויף פֿערד באַווייַזן זיך צווישן די בוימער, זיי לויפֿן אַנטקעגן פֿון אַלע זייטן. דער עולם אין וואַלד האָט זיך ענג צונויפֿגעטוליעט. די פֿערד מיט די דראַגונער און פּיעכאָטע פֿון קראַסנאָסטאַוואָער פּאָלק זענען שוין אַרום און אַרום.

— שאשקאַ!..

— היפּ!.. שאַשקאַ!.. היפּ!..

און דאָס האָט צעשפּאָלטן דעם געשפּאַנטן רוים און אַ סוויסטש געטון:

— היפּ!.. היפּ!.. היפּ!..

און דער אָפֿיצער שרייַט איבערן וואַלד:

— בייטע, ס׳קאָלקאָ אוגאָדנאָ!..

אַרויף אויפֿן עולם. מען איז געפֿאַלן איינע אויף די אַנ־
דערע אויפֿן גראָז. מען האָט געשאַטקעוועט מיט די שאַשקעס.
פֿאַרבלוטיקטע. און דעמאָלסט האָט לייבעטשקע אין זיין אייגע־
נעם הפקר אָפּגעריסן דער פֿאָן פֿון שטעקן, איר אַריינגעשטעקט
אונטערן העמד, צום לייב, איינגעוויקלט זיך. אין דער רגע
האָט ער באַקומען מיט אַ שאַשקע איבער זיין קינדערשער, ביי־
נערדיקער מאָרדע און ער איז פֿאַרבלוטיקט געפֿאַלן אין דעם
הויפֿן פֿון מענטשן.

איז מען אָפּגעלעגן פֿאַרבלוטיקט און צעיושעט אין איין
קופּע אַ היפּשע צייט. נאָר דער קליינער שימעקל האָט זיך עפּעס
אַרויסגעדרייט און אַוועקגעקראָכן אַזוי אויף אַלע פֿיר, אַ פֿאַר־
בלוטיגטער, צווישן די בוימער. אין דער אויפֿגעשאָטענער קופּע
האָט לייבעטשקע געהערט, ווי עמיץ זאָגט:

— אָבער איך האָב אים אָפּגעביסן צוויי פֿינגער... טפֿוי...
אין מויל... טפֿוי...

לייבעטשקע האָט אָבער געשוויגן וועגן זיין סוד, די היי־
ליקסטע געהיימניש איז ביי אים, ביי זיין לייב. די פֿאָן מיט
די גרויסע מאָדנע אותיות: „בונד"...

שפּעטער האָט מען אַלעמען געטריבן אין שטאָט אַריין,
אין טורמע אַריין. פֿאַרבלוטיקטע. געטריבן האָט מען אויך דעם
קליינעם לייבעטשקען, ער איז געגאַנגען אַליין צווישן עולם.
אַליין אַ קינד. איינגעטוליעט אין זיך. נידעריקער פֿון אַלעמען.
דער פּנים פֿאַרשמירט אין בלוט, אונטערן האַלז איז נאַס, עס
רינט אַראָפּ דאָרט אויפֿן מאָגערן, קינדערישן לייב. דאָרט אויפֿן
לייב איז די פֿאָן. דאָ אויף דרויסן בליאַסקען נאָר און סמאַ־
ליען די אויגן.

— זאָל זיך נאָר קיינער נישט דערוויסן...

VI

אַ פּאָר טעג האָט, ך לייבעטשקע אָפּגעוואַלגערט אין
טורמע. קיין איין מאָל פֿאַר דער צייט זיך נישט אויסגעטאָן.

איינגעשפאַרט, פּאַרעקשנט, צוגעשפּילעט. מורא געהאַט פאַר די פרעמדע מענטשן, צווישן וועלכע ער איז געזעסן. ביינאַכט האָט זיך אים רק געחלומט, אַז מען שפּילעט אים פונאַנדער, מען טוט אים אויס, מען שלעפּט אַרויס די פּאָן... אַזוי איז ער אַ צייט אָפּגעזעסן. נאָכדעם האָט מען אים, אַ קליינעם יינגל, אַרויסגעלאָזן.

איז לייבעטשקע נישט געלאָפן צום פעטער, נישט צו זיין באַלעבאָס בערל טאָקער, ער איז געלאָפן אויף דער וואַרשעווער גאַס, אויף דער בערזע, געזוכט מיט די אויגן, קיינעם נישט געפונען. איז ער געקומען צום שניידערישן ווערקשטאַט, וווּ דוד דער ווייסער האָט געאַרבעט, אַריין אַהין, זיך אומגעקוקט, דודן אַרויסגערופן, אים אָפּגעפירט אין דרויסן אויף אַ זייט, אים געשעפּטשעט מיטן ערשטן גרויסן ציטער און פרייד פון זיינע הויט און ביינער, פון זיינע אַנדערהאַלבן צענטליק יאָר:

— איך האָב דוד... איך האָב...

ער האָט די רויטע פּאָן געבראַכט.

נאָטע־ווּ־איז־יושר?

I

אַזוי איז פאַרבליבן עד היום זיין נאָמען אין יענער שטאָט:

— נאָטע, ווּ איז יושר?..

אַליין איז ער תחילת געווען אַ גאַסן־בחור, אַ הפקר־יונג איידער ער איז געקומען צו די בונדיסטן. פון דער מעשה אָן מיט דעם הויכן קוימען און מיט שימעקלס ווייב האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן: „נאָטע, ווּ איז יושר?״.

אַמאָל האָט נאָטע דאָ אין שטאָט געהאַט אַ טאַטן. קיין מאַמען האָט ער נישט געדענקט. און דער טאַטע זיינער איז געווען אַ בעל־עגלה, אַ נידעריקער, אַ ברייטער און אַ שוואַרצער מיט גרויסע בראָדעווקעס אויפן שטערן און נאָז. איז דער טאַטע אַווקגענומען געוואָרן אין וואַסער אַריין צוזאַמען מיט זיין „וואַסקען״, ווען ער האָט געפירט באָדן אין נאַרעוו. איז נאָטע געבליבן אַ יינגל אַ יתום, אין גאַס, מיט אַן אַראָפּגע־

פליקטן דאַשעק, מיט באָרוועסע פיס. פלעגט ער נאָכמאַכן יעדן איינעם — ווי דער רב גייט אין גאַס, ווי לאַהטשעלע פיסקעוועט ביי דער ווייבער-שול. ער פלעגט מאַכן קונצן מיט פלעשער, וואַרפנדיק זיי אין דער הויך און כאַפּן צוריק. ער האָט זיך אויסגעלערנט לאָבוסעוואַטע לידלעך און זיי געזונגען. ער פלעגט רק כאַפּן קלעפּ, זומער נעכטיקן אין די סעדער און גנבענען פון די בוימער, ווינטער — נעכטיקן אין באָד, אַראָפּכאַפּן מיט-וואָך, אין מאַרק-טאָג, פון אַ פויערישן וואָגן. שפּעטער איז ער צוויי זומערן אָפּגעווען ביי די טראַטוועס, וואָס גייען אויפן נאַרעוו. ער פלעגט קירעווען „די פיס" פון די טראַטוועס, לייזער קאַפּולע — „דעם קאָפּ". פלעגט ער שרייען צו לייזער קאַ-פּוליע:

— ברעך אויס דעם קאָפּ!..

פלעגט אים לייזער אָפּענטפערן:

— נאָטע, ברעך אויס די פיס!..

ביז ער איז שוין געוואָרן אַ היפשער בחור. איז ער גע-וואָרן אַ גאַנצער מענטש. ער איז אַוועק צו יונה דעם מייס-טער און זיך געשטעלט פאַר אַ מוליער. ווי אַ פעדערל פלעגט ער טראָגן אויף די רושטאָוואַניעס די פּאַליצע ציגל פון צוואַנ-ציק שטיק. ער האָט זיך גיך געלערנט די מלאכה.

ער איז שוין געגאַנגען מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק, ווי עס גייען די שקצים. ער האָט שוין געהאַט אַ פּאָר שטיוועלעך אויף שבת. ער פלעגט האָבן צו טאָן מיט שיקסעס, וועלכע פלעגן הויך, לאַכעדיק קוויטשען אין זיינע הענט. האָט מען אים גערופן:

— נאָטקע לאָבוס...

ער האָט זיך „איינגעגאַזשעט" אין שטוב ביי שימעקלען, וואָס האָט אויך געאַרבעט ביי יונה דעם מייסטער, און ער האָט געהאָלפן שימעקלס ווייבל אַריינטראָגן יואַסער אין שטוב, פלעגט אָפּגעבן דאָרטן אַ האַלבן פאַרדינסט, עסן דאָרטן שבת און טאָן אַמאָל אַ כאַפּ שימעקלס יונגע ווייבל און איר טראָגן אויפן האַנט.

יונה דער מייסטער האָט געמויערט די הויכע קוימענס אין די גאָרזשעלניעס. אַ סך גאָרזשעלניעס געווען אין געגנט, און מילן. נאָטע האָט ליב געהאַט אַרויפקריכן אויפן סאַמע שפּיץ פון די קוימנס און דאָרט זיך אַרויפזעצן, ווי אַ קייסער, און זאָלן די פיס אַרונטערהענגען. ווען מען וואָלט עס קאָנען טאָן אַזוי אַ שפּרונג אַראָפּ פון אויבן, פון דער הויך!..

אינעווייניק אין די קוימענס מויערט מען אַריין אייזנס, כּדי מען זאָל קאָנען קומען צום שפּיץ קוימען אָן די רושטאָוואַניעס. טאָמער ברענט זיך איבער די דראָטענע שאַטקע און מען דאַרף אַרויפזעצן אַן אַנדערע, קריכט שוין אינעווייניק אין פאַרסאַזשעטן קוימען נאָטקע. ער האָט הנאה פון דער מעשה. ער קערט דאָרטן אַ וועלט. ער פּייפט, ער קוויטשעט, ער פּאַטשט, ער וויינט און ער לאַכט. צי מען דאַרף, צי מען דאַרף נישט, קריכט ער אַרויס אַ פאַרסאַזשעטער אין דער הויך, צום סאַמע שפּיץ, און מאַכט איבערסנייי דאָרטן קונצן:

— יידן, איך שפּרינג אַראָפּ!.. היט זיך!.. אָט!..

מאַכט זיך דעמאָלסט, אַז שימעקל טוט אַזוי אַ פאַל אַראָפּ פון אַ רוזשטאָוואַניע, בראַזגעט זיך אַראָפּ אויף דער ערד און — סאיז נאָך אים. נאָטע האָט עס געזען, ער האָט אָבער געוווסט, אַז סאיז פּערפאַלן און מען קאָן גאָרנישט העלפן. וואָלט די זאַך פאַרגעסן געוואָרן און — גאָרנישט. אָבער אין אַ פּאָר טעג אַרום איז געקומען שימעקלס ווייב צו יונה מייסטער. איין קינד אויפן האַנט און נאָך אַ קינד ביים קלייד. זי האָט דאָרטן אונטן עפּעס געבעטן ביי יונהן. נאָטע איז אין פאַרטוך געשטאַנען אין דער הויך אויף די רושטאָוואַניעס. ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס דאָרטן אונטן קומט פאָר. יונה איז אָבער נישט דער געבער, געטראָפן דעם אָרט, איז אַוועק שימעקלס ווייב מיט אַ געוויין:

— אין וואַסער, שונאי-ציון, זיך וואַרפן...

און יונה מייסטער האָט דערלאַנגט זיין מענה-לשון:

— כאַפּט עס די כאָלעריע... די גוטע קרענק... ביי מיר נאָר געלט נעמען... באשר שימעקל האָט זיך אַראָפּגעקאַטשעט.. הערס אַ מעשה... מיטן קאָפּ אָן דר׳ערד...

דאָס האָט שוין פאַרדראָסן נאָטן. האָט ער כּלומרשט אַזוי־זיך, נישט־מיר נישט־דיר אַראָפּגעשיקט אַ ציגל גלייך אויף יונה דעם מייסטער און צופלאַטשעט אַ ביסל זיין קאָפּ און אים אַוועקגעלייגט אויף דר׳ערד. יונה האָט אין בלוט געשריען:

— יידן, איך בין פאַרביי... איך בין פאַרביי... ראַטעוועט... נעמט אים דעם לאָבוס...

איז דאָס שוין טריקן נישט דורכגעגאַנגען. נאָטן האָט מען געשלעפּט אין „קאָזע" אַריין און נאָכדעם איז געווען אַ געריכט. אין געריכט האָט מען געפרעגט נאָטן:

— סטייטש, וואָס האָסטו געטון? סטייטש...

און עס איז געווען אַ פולע שטוב אין געריכט. האָט נאָטע זיך אָפּגערופן אויף גויש:

— גאָספּאָדין סודיאַ... גדזשע יושר, אַ?...

האָט זיך די גאַנצע שטוב צעלאַכט. דאָס האָט אים אַ ביסל געהאָלפן און מען האָט אים געגעבן נאָר דריי חדשים „קאַזיאָנע" דירה מיט קעסט...—

פון דעמאָלסט אָן איז זיין נאָמען אַזוי פאַרבליבן: נאָטע ווו איז יושר. און אַז ער איז אַרויסגעקומען פון טורמע, האָט מען שוין גלייך געוווסט:

— „נאָטע ווו איז יושר" איז מיט די „אחדותניקעס".

און מען האָט זיך געגרויסט, וואָס נאָטע איז אַ גבור:

— אויף קאַשע זיי צערייבן... מיט די ביינדלעך... מיט די „מענטעס" צוזאַמען!.. הירזשענע קאַשע...— פלעגט נאָטע רעדן.

II

האָט זיך געמאַכט די מעשה מיט יאַדלאָווע.

די מעשה איז אַזוי געווען

אין יאַדלאָווער בית־המדרש איז געבליבן בהסכם כּולם, אַז מען טאָר נישט שווייגן, וואָס די אחדותניקעס, די בעקער־געזעלן, האָבן געמאַכט יד־אחת און ווילן גאָר שבת־צו־נאַכטס נישט גיין אין די „פּיעקאַרניעס". וואָס איז דאָס פאַר אַ מאָדעס?... הייגט

אין „פּיעקאַרניע" און מאָרגן — דעם קייסער!... און וואָס איז דאָס פאַר אַ „סאַמאָפּראַווסטוואָ"!... איז געבליבן, אַז מען זאָל דאָס נישט דערלאָזן, אַזאַ חלול-השם. בעקער-געזעלן זענען אין גאַנץ יאַדלאָווע פינף. איז אַוועק שטאָט, באַלעבאַטים און בעלי-עגלות, און די דריי קצבים, מען האָט די געזעלן געשלאָגן מכות-רצח מיט דריינגענער, מען האָט זיי געבונדן מיט שטריק און גע-בראַכט אין די בעקערייען אַריין.

— אין יאַדלאָווע זאָלן קיין אַחדותניקעס נישט זיין!..

די פינף בעקער-געזעלן האָבן גאָרנישט געקענט העלפן. איז אָבער דערגאַנגען די זאַך אין שטאָט אַריין און צו נאָטען.

— וואָס הייסט, מען זאָל שווייגן אַזאַ „גראַנדע"!..— האָט נאָטע געאַרבעט מעשים.

— סטייטש, מען זאָל דאָס דערלאָזן!..— האָט מען גערעדט מיט די פּאָרשטייער. אָבער עס איז גאָרנישט אַרויסגעקומען.

האָט נאָטע אַרומגעאַרבעט אויף דער „בערזע" און ער האָט זיך אַליין גענומען פאַר דער זאַך. מען האָט זיך געשושקעט. מען האָט זיך געגרייט. מען האָט גערעדט וועגן כלים. נאָטע האָט געקלאַפּט חברה איבער די פּלייצעס. די הערלעך האָבן אים אַרונטערגעהאָנגען אונטערן דאַשעק, מען האָט גע-טרינקען ביר — ס'האָט געברענט. וואָס-ווען — האַלט מען בסוד. עס וועט זיך שוין טאָן. עס וועט שוין זיין. יאַדלאָווע וועט שוין וויסן, ווי אַזוי מען בינדט בעקערס מיטן שטריק און מען שלאָגט מיט דריינגענער.

ברידערלעך, עס וועט זיין געשמירט...

III.

גאַנץ שטאָט אַחדותניקעס פון צווי נאָנטע שטעט האָבן זיך שבת איינדערפרי אַרויסגעלאָזן קיין יאַדלאָווע. מען האָט זיך אַרויסגעלאָזן צופוס:

— נקמה!..

מען וועט אָנלערנען, אַז גאַנץ וועלט זאָל וויסן. געפירט דעם עולם האָט נאָטע-ווו-איז-יושר.

אין יאַדלאָווע איז מען אָבער דערוויל געוואָר געוואָרן, אַז חברה גייט, או עס וועט זיין שלעכט, ביטער. האָט זיך יאַדלאָווע געפעדערט און מען איז אַרויס פון שטעטל אַנטקעגן. געגאַנגען זענען די ווילדע יונגען, די בעלי-עגלות און די קצבים און מיט זיי — באַלעבאַטים. דעם „סטאָיקאָווי" האַט מען אויך מיטגענומען.

און ביידע מחנות האָבן זיך באַגעגנט אין פעלד נישט אויף קאַטאָוועס — פריער מיט שטיינער, נאָכדעם מיט שטעקנס, מיט הענט, נאָכדעם מיט מעסערס, מיט שפרינג-מעסערס. און מען האָט געשאָסן אויך.

—מ׳עט שוין נאָכאַמאָל בעקערס נישט בינדן!..

— די לונג און לעבערס!..

— פושעי ישראל!..

— בלוט-זייגערס!..

— „צער׳ניקעס"!..

נאָטע האָט געאַרבעט מעשים. און חברה מיט אים. יידן זענען געלעגן מיט צופלעטע קעפּ און געקרעכצט. פּוזשע דער פורמאַן האָט זיך געשטייערט מיט לייבל שוסטער און זיין שבת-דיקער מלבוש איז שוין געווען צעפליקט. מען האָט זיך אין איין קלומפּן געשלאָגן מיט שטעקנס און אַלע דריינגענער אין דער לופטן, איינס און צוויי, און נאָך—

„אַחדות" האָט זיך גערוקט אין שטאָט אַריין. עס וועט זיך טאָן אויף טיש און אויף בענק.

דערוויל איז אָנגעקומען נאָך פּאָליציי, זי האָט פאַרהאַלטן דעם וועג. ביידע מחנות האָבן זיך געמוזט פאַנאַנדעררוקן. אין שטאָט קאָן מען נישט אַריין.

נישט אַהער, נישט אַהין. וואָס זשע מאַכט מען?

איז געבליבן ביי נאָטען:

זאָל מען יאַדלאָווע באַלאַגערן, נישט אַריין און נישט אַרויס!

זאָל מען וואַכן אויף די וועגן, אויפן שאָסיי. פאָרט אַ ייִדלאָווער פור — איבערגעקערט. כאַפּט זיך אַריין אַ יאַדלאָווער אין שטאָט אַריין—געמאַכט אים פאַר אַ „למדן". נקמה אין יאַד־לאָווע!..

VI.

און עס איז טאַקע — נישט אַריין און נישט אַרויס.

יאַדלאָווע וועט עס נישט אויסהאַלטן. עס שמעקט מיט ברויט. יידן גייען אַרום מיט צעשפּאָלטענע קעפּ. איז געבליבן, אַז זי מוז זיך אונטערגעבן. מען מוז אַריין פאָרן אין שטאָט פון די „אַחדותניקעס" און בעטן שלום.

— שלום מאַכן מיט נאָטען...

— ער איז דער „נאַטשאַלניק"...

האָט מען אויסגעפּראַוועט אַ פור מיט דריי יידן. כדי עס זאָל מיט זיי, חס ושלום, קיין בייז נישט זיין אויפן וועג, האָט מען אויפן גראָבן שדכנישן שירעם אָנגעבונדן אַ ווייס טיכל און אַזוי געפאָרן מיטן שירם אין דערהויך.

— שלום!..

אויפן וועג איז די פור אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך די אַחדותניקעס.

— ווּהין פאָרט מען דאָס?..

— שלום מאַכן!..

— אַליין קאָן נישט נאָטע שלום מאַכן. צו דעם מוז מען האָבן די „פאָרשטייער". האָט מען זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דערזעלבער פור און מען איז צוזאַמען געפאָרן אין שטאָט אַריין.

שלום האָט מען געשלאָסן:

די בעקערס וועלן שבת צו נאַכט נישט אַרבעטן. פאַר די קלעפּ באַצאָלט יאַדלאָווע אַזוי פיל און אַזויפיל. און טאַקע לטובת דעם „אַחדות".

— די „צער׳ניקעס" האָבן איינגענומען.

אָבער—
מיט דעם ענדיקט זיך נישט די מעשה.

V.

פּאָליציי האָט אויך נישט געקאָנט שווייגן.

האָט זי אַראָפּגעשיקט אין שטאָט אַריין אַ פּאָליציייסקע אַזאַ, אַ דורכגעטריבענעם, אַ קליינינקן, אַ שוואַרצינקן, מיט קראַנקע אויגעלעך, אַ משומד גאָר, מיט אַ גוישער ווייב—ער זאָל דאָס דעם טאָלק מאַכן. פּאַר קיינעם און קיין זאַך האָט ער נישט קיין מורא. מען האָט שוין געוווּסט פון אים פון דערווייטנס, דאָ האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן:

— חיים שמיאַלי..

האָט דער דאָזיקער „חיים שמיאַלי" אין איין נאַכט אַרעס־טירט הונדערט און צוואַנציק אַחדותניקעס, אָנגעזוצט אַ פולן „אָסטראָג". נאָטע האָט עס דערשמעקט, איז ער אַ האַלבע נאַכט אָפּגעזעסן אויפן דאַך און זיך אַרויסגעדרייט.

איז פון אַלעמען געבליבן נאָטע און זלמן קופּערשמיד. האָט נאָטע געטענהט:

— סטייטש, וואָס הייסט חברה וועט זיצן אין „קאָטשו־מענט" און „חיים שמיאַלי" וועט אַרומגיין, ווי אַ קייסער...

— דאָס פועלט ער נישט...

איז ער אַראָפּגעקומען אין אַ פּאָר טעג אַרום צו זלמן קו־פּערשמיד אין שטוב אַריין און זיך אָפּגערופן:

— לאָז מיר נאָר אַריינקוקן ביי דיר אין אויוון...

האָט ער דאָרט אַריינגערוקט די האַנט מיט אַ כּלי און אויסגעשאָסן. ער האָט געדאַרפט אויספּרובירן דעם „שפּייער". צי ער אַרבעט. איז נישט געווען קיין בעסער אָרט, ווי אין אויוון. קיינער הערט נישט. זלמן האָט קיין וואָרט נישט גע־רעדט.

ער האָט געוווּסט, אַז נאָטע גייט פּטרן „חיים שמיאַלין"—

VI

— דזיען דאָברי, פּאַניע שמיאַלי...

האָט זיך אָפּגערופן נאָטע און פאַררויכערט ביי אים אַ פּאַפּיראָסל.

אין שטאָט האָט מען דערציילט, אַז „חיים שמיאַלי" גייט אונטערן שינעל אַ „פּאַנצער", אַ שטאָלענעם פּאַנצער. קיין קויל וועט אים נישט נעמען.

— פּאַניע שמיאַלי..— האָט נאָטע געקלאַפּט דעם משומד איבערן פּלייצע, אַ קלאַפּ געטאָן, אַ טאַפּ געטאָן כלומרשט נישט ווילנדיק איבערן בויך.— עס איז ווייך. נישטאָ קיין שטאָלענער פּאַנצער.

איז ער זיך אַזוי געגאַנגען צוזאַמען מיט שימאַלין אויף די ריבאַקעס. ער האָט אַרונטערגעשיקט פלינק די האַנט אונטער זיין שינעל — ניין, נישטאָ קיין פּאַנצער.

— פּאַניע שמיאַלי, דו האָסט די חברה וואַזשנע אַריינגע-קאַטעוועט...

שמיאַלי האָט געטראַכט, אַז נאָטקע קאָן אים צונוץ קומען. דערווייל אָבער האָט שוין נאָטע אַרונטערגערוקט זיין האַנט אונ-טער שמיאַליס שינעל צוזאַמען מיט דער כּלי.

ווו? וואָס?—קיין פּאַנצער איז נישטאָ. איינס, צוויי. די קוילן גייען מאַרש גלייך אין שמיאַליס גוף אַריין.

— האָסטו דיר...

נאָטע האָט זיך געלאָזט לויפן. שמיאַלי לויפט אַ פּאָר טריט נאָך אים. שוין מיט אַ פאַרלאָרענעם היטל — מיטן בלויזן קאָפּ...

וואָס הייסט עס? עס האָט אים נישט גענומען?..

האָט זיך נאָטע אומגעדרייט צוריק, אָפּגעשטעלט זיך, אַ האַלבע סעקונדע אָנגעקוקט דעם לויפנדיקן שמיאַלי אָן דעם היטל און נאָכדעם אַריינגעהאַקט נאָך צוויי קוילן. שמיאַלי האָט זיך אַ קער געטון און געפאַלן אויף די ריבאַקעס מיטן קאָפּ אָן דר'ערד.

— אַט האָסטו דיר!..

VII

נאָטע איז אַריינגעלאָפן צו זלמן קופּערשמיד אין שטוב.
— נאָך אים!..
און צו זלמנס ווייב:
— טוט אויס אייער קליידל
— וואָס הייסטו!..
— באָרגט זי מיר...
ער וועט זיך פאַרשטעלן פאַר אַ יידענע און אַוועקגיין. קיין קאָלניע, — צום גרענעץ. ער טאָר נישט בלייבן. גאַנץ שטאָט האָט געזען, ווי ער האָט געשאָסן אויפן „מענטש". מען וועט אים אַוועקנעמען אין קייטן. ביים גרענעץ וועלן שוין חברה געפינען אַן עצה. „אַחדות" איז דאָ אומעטום.
האָט זיך נאָטע פאַרקליידט פאַר אַ יידענע, מיט אַ קוישל אין איין האַנט, מיט אַ זעקל אויפן פּלייצע, איינגעבויגן — איז נאָטע אַזוי אַוועק צופוס אין דאָרף אַריין.
גיי זיי אַ חכם און ווייס, ווער די יידענע איז.
נאָטע אין קליידל. אין זלמן קופּערשמידס ווייבס קלייד.

VIII

עס איז אָבער באַשערט אַן אומגליק.
וואָס דאָרטן אויפן גרענעץ איז פאָרגעקומען, ווייס מען נישט עד היום—ווי אַזוי, ווען—
דאָס איז געשען דאַמאָלסט בשעת אין ווייבערשע בגדים האָט זיך נאָטע געגנבעט איבערן גרענעץ.
אָבער אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען אים געבראַכט אין שטאָט אַריין אַ דערשאָסענעם.
— מסתמא אַ זעלנער געשאָסן.
— ביים גרענעץ.

אַזוי האָט מען זיך משער געווען.

וואָלט מען אים טאַקע דאָרטן אויפן פעלד ביים גרענעץ באַגראָבן און קיין האָן וואָלט קיין קריי נישט געטאָן. מער נישט, אַז מען האָט געזען אַ מאַנסביל אין ווייבערשן הילוך, איז דאָס געווען מאָדנע אויסטערליש. האָט מען אים אַזוי אין ווייבערשן הילוך אַראָפּגעבראַכט אַ דערשאָסענעם אין שטאָט אַריין.

— נאָטע־וואו־איז־יושר.

אונטערגעצונדן

I

אפרים דער האָרבאַטער מיטן מאָדנעם הולך, מיט די שוואַרצע האָר, וואָס האָט געוווינט ביי ירוחם שניידער אין אויבערשטיבל איז געווען דער פירער פון די אַחדותניקעס — פון די בונדיסטן. אים האָט מען גערופן:

— דער ענגלישער ציציליסט...

נישט ער אַליין, ווי מיט אים דאָבע די שניידערקע. זי איז געווען אַ מיטלוווקסיקע, אַ שוואַרצע און אַ שטילע. פון דעם איינגעטוליעטן גלאַנץ פון אירע גרויסע אויגן האָט זיך נאָכגעטראָגן אַזאַ פאַרעקשנטער פאַנאַטיזם: — דער מענטש וועט שוין גיין גלייך. גלייך ביז די וואַנט צוצושפּאַלטן מיטן אייגענעם קאָפּ —

אויף די פאַרזאַמלונגען אין וואַלד פלעגט התלהבותדיק רעדן דער האָרבאַטער אפרים. ער פלעגט ליבהאָבן צו דערציילן געשיכטן און רעדן אַזוי פאַרטראָגן, אַריינגעגעבן אין דעם זיינע אַלע פינפאונצוואַנציק יאָרן, זיינע אַלע איברים, אַזוי געשוועבט האָט זיין נשמה. אַנטקעגן פלעגט שטענדיק שטיין

די שוואַרצע דאָבע, אויפגעעפנט אירע גרויע, אָנגעצונדענע אויגן, פּאָרויס אויסגעצויגן איר גאַנצן גוף, שלינגען יעדעס וואָרט און טראַכטן דערביי:

— מען דאַרף דאָס לעבן אַוועקגעבן...

ביי דעמזועלביקן ירוחם דעם שניידער האָט געאַרבעט דער קליינער פּערצניאָריקער איצל. ער איז געווען נאָר אַ שניידער-יינגל, געאַרבעט ביים מאַשין קעגנאיבער דער שוואַרצער דאָבען, אָבער אין נעפּל פון זיינע געפילן, פון זיין בלוט, און פון זיי-נע קינדערישע אויגן האָט זיך שוין אָנגעהויבן שפּינען די לע-גענדע פון די קנעכט.

ער, איצל, מיט דעם דאַרן ליישקען האָבן זיך שוין געסו-דעט וועגן דעם „קליינעם בונד״—

וועגן האָרבאַטן אפרים... וועגן פאַרזאַמלונגען אין וואַלד... וועגן קייסער... וועגן פרייהייט...

דער האָרבאַטער אפרים האָט געקאָנט זינגען גאָרנישט לויט זיין קערפּער נאָך. ער פלעגט זינגען רק אַזעלכע אומעטיקע און פאַרבענקטע רוסישע לידער, וואָס די נשמה וויינט און ברומט אין זיי און גיסט אויס איר עלנט. ער פלעגט זיצן מיט זיינע אַרויסגעשטאַרטשעטע אַקסלען טיף אין אַלטן שטול, און זינגען אַזאַ פאַרטראָגענער, אַזוי, — אַז מען קאָן דאָס לייב און לעבן אַ-וועקגעבן פאַר דעם, וואָס ער זינגט.

און איצל מיט ליישקען פלעגן זיך סודן:

— אָט ער איז דאָס... ער... — אַ רעוואָלוציאָנער...

און זיי האָבן געמאַכט די ערשטע פאַרזאַמלונג פון די קליינע בונדיסטן — פון די יונגע רעוואָלוציאָנערן.

— מיר קאָנען אויך עפּיס אויפטאָן... — האָט ליישקע גע-זאָגט.

II

דריי וואָכן האָט זיך געצויגן דער שטרייק ביי די שניי-דערס פאַרעקשנט און פאַרביטערט. מען האָט שוין געבראָכן די

שויבן אין די שניידערישע געוועלבער. די שניידער האָבן זיך צונויפגערעדט מיט דעם איספּראַווניק און מען האָט אַראָפּגע בראַכט אין שטאָט נייע צוויי ראָטעס סאָלדאַטן.

און גראָד איז אין יענעם אָוונט געווען אַ פאַרזאַמלונג אין וואַלד, וואָס ביים וואַרשעווער שאָסיי, אויפן אָפּגעהאַקט בוים איז געשטאַנען דער האָרבאַטער אפרים. קיינער האָט זיין פּנים אין דער פינסטער נישט געזען, מער נישט דער קליינער איצל, וואָס איז דאָ אויך געווען, האָט זיך צוגערוקט האַרט-נאָענט צו אפרימן און פון אונטן-אַרויף געקוקט אים אין פּנים אַריין. גערעדט האָט אפרים אַזוי, אַז אָט וואָלט קענען איצל מיט אים אַוועקגיין-אַזוי אויף יענער זייט וועלט.

— מיר האָבן ברויט פאַרלאַנגט, — האָבן זיי סאָלדאַטן גע-בראַכט! מיר האָבן שׂכירות פאַרלאַנגט, — האָבן זיי ביקסן גע-געבן...—האָט געקלונגען דער האָרבאַטער אפרים אין דער וואַלדי-שער נאַכט אַריין.

קיין אומגליק איז אין דעם אָוונט נישט געשען—מען איז זיך צוגאַנגען אין דער שטיל אַ היים, אין די הייזער. דער אומ-גליק איז אָבער געשען גלייך אויף מאָרגן פרי: פון סאַמע באַ-גינען אָן זענען אומגעלאָפן די שניידער-מאַגאַזינערן מיט די גאָר-דאָוואָיען און סאָלדאַטן, עס האָט געסמאַליעט פון זיי מיט גאַל, און זיי האָבן געשלעפּט פון די בעטן די בונדיסטן. און געשלאָגן מכות רצח, און צעבלוטיקט, און צעיושעט.

מען האָט שוין געפירט דעם גרויסן אַבע דער שניידער מיט אַן אַרומגעבונדענעם קאָפּ, דעם קוויטשיקן יאָסעלען, וואָס האָט שוין אַ ווייב מיט צוויי קינדער.

דער נגיד זוסמאַנעק האָט מיט דריי סאָלדאַטן געשלעפּט דעם האָרבאַטן אפרים מיט זיינע טויבישע אויגן. ער האָט זיך נישט געלאָזן נעמען. אַזאַ עקשנות איז אים אַריין! האָט מען אים פאַר די פּיס מיטן קאָפּ אַראָפּגעשלעפּט פון די טרעפּ. זיין האָרבאַט האַרץ האָט געזענצט, געכאָרכלט און זיך געראַנגלט. איז אָנגעלאָפן אין מיטן דערינען דאַבע און זיך אַריינגעוואָרפן

אָפּצורייסן. זי האָט נישט געשריען, נישט געוויינט נאָר געביס דעם נגיד זוסמאַנעק אין די הענט אַריין ביז בלוט.

איז געווען אַ געדראַנג, אַ געשלעג. איינגעוויקלט איינע אין די אַנדערע. האָט זיך אַריינגעמישט פּאָליציי און האָט אויסגע-שאָסן. האָט דאָס ערשטע מאָל שיסן אין סאַמע מיטן מאַרק אי-בערגעקערט דעם גאַנצן מאַרק מיט די מענטשן, מיטן לעבן דאָ. דער עולם איז זיך צעלאָפן. נאָכדעם האָבן די סאָלדאַטן מיט די גאָראָדאָוואָיען געפירט אפרימן מיט דאָבען. אפרים איז געווען פאַר-בלוטיקט און מען האָט אים געשלעפּט אונטערן אָרעם. ער האָט מיט זיינע ביידע טויבישע אויגן געבלאָנדזעט איבער ביידע זייטן מאַרק און געלאָזן דאָ הענגען זיינע בליקן אויף יאָרן, אויף דורות, אויף לעגענדן. דאָבע איז געגאַנגען די האָר צעשויבערט, דאָס פּנים פאַנאַנדערגעריסן, ווי עפּעס אַ טויער פון אַ צעראַ-בירט הויז...

נאָך זיי איז נאָכגעגאַנגען דער קליינער איצל, ער איז גע-גאַנגען ביז דער פּאָליציי.

III

איצל האָט פאַרשטאַנען, אַז איצט דאַרף עפּעס זיין. וואָס — האָט ער געווי נישט געוווסט, אָבער עפּעס דאַרף פּאָרקומען. נאָר עס איז דאָך אַ וווּנדער, הלמאי איז אַזוי ליידיק די ביר-זשע? ווו זענען אַלע? אפשר האַלט מען זיך איצט גאָר עצות!...

איצל האָט פאַרשטאַנען, אַז איצט דאַרפן קומען אַלע אַר-בעטער פון שטאָט און זיי באַפרייען פון דער הילצערנער פּאָ-ליציי-געפענגעניש. עס איז דאָך אַ קלייניקייט: איינס-צוויי צענעמט מען די ווענט און — היידאַ... נאָר קיינער ווייזט זיך נישט.

אַזוי האָט ער זיך אַרומגעדרייט אַ גאַנצן טאָג ביזן אָוונט ער האָט נישט געקאָנט אָפּטרעטן פון פּאָליציי. אַז ס'איז שוין גוט שפּעט געווען האָט ער זיך דאָרטן באַגעגנט מיט ליישקען:

— ליישקע?...

— איצל?...
— וואָס טוסטו דאָ?...
— און דו?...
— ליישקע, איך האָב אַ פּלאַן...
— נו...
— מיר אונטערצינדן די פּאָליציי...
— וואָס האָסטו? גע...—האָט זיך אָנגעהויבן ליישקע פאַרכאַפּן.
— מיט נאַפּט צינדן מיר ביינאַכט אונטער... עס איז דאָך אַ הילצערן הויז... ווערט ווערן אַ בהלה... מען וועט רייסן די טירן... די פענסטער... וועלן זיי אַרויסשפּרינגען און נעלם ווערן... ביז וואָס-ווען זענען זיי שוין נישטאָ... פאָרן אַוועק מיט אַ פור...
— און גיי כאַפּ זיי...—האָט איצל געענדיקט

IV

עס איז געווען אין מיטן דער נאַכט, בשעת דאָס הויז האָט געברענט. דאָס הויז איז געווען אַ הילצערנס און דאָס פייער האָט עס שנעל אַרומגעכאַפּט. די אַרעסטאַנטן האָבן געריסן די טירן און קראַטעס, געבראָכן די ווענט און געשפּרונגען דורכן רויך, מען האָט געקלונגען אויף שרפה. אַרום איז שוין געווען די גאַנצע שטאָט. דער גאַנצער מאַרק איז געווען באַלויכטן. עס האָבן שוין גערויכערט אַנדערע דעכער. עס זענען געלאָפן פּאָזשאַרניקעס, מען האָט געשריען, געבראַזגעוועט מיט פורן, מיט רעדער. פּאָליציי איז אומגעלאָפן אין בהלה, מען האָט נישט גע-ווּסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט מען איז. פּעסלעך מיט וואַסער זענען געלאָפן צום פייער...

אויף דער גאַנצער שורה דעכער פון דער גאַס האָט מען געגאָסן וואַסער, כדי דאָס פייער זאָל זיך נישט פאַרשפּרייטן. עס איז עפּעס געווען אַ פּחד פון די מענטשן, וואָס קריכן דאָרט אַרום איבער די דעכער אין נאַכט, אין שרפה. פּאָליציי האָט צו די דעכער געשריען, נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן אין בהלה:
— היי!... קטאָ-טאַם?... היי!... דו... ווער?...

איציקלען האָט געציטערט אַ צאָן אָן אַ צאָן, ער האָט זיך באַהאַלטן צוזאַמען מיט ליישקן, געוויזן צו די דעכער און געשעפטשעט.

— אפשר זענען זיי דאָרטן?... האַ?... זיי?... ליישקע...

און זיי האָבן זיך ביידע צוגעהערט און זיי האָט זיך געדוכטן, אַז זיי הערן, ווי עס פאָרט דאָרט אַ פור אויף דעם וואַרשעווער שאָסיי.—

די פלאַמען פון דעם ברענענדיקן, ברייטן הויז האָבן פאַרקופּערט די געזיכטער פון די שניידער, וואָס זענען געשטאַנען ביי דער שריפה אין מיטן דער נאַכט און זיך געשושקעט:

— אַוועקגעפאָרן מיט דאָדיעס וואָגן...

— נישטאָ שוין...

— אפרים אויך...

— און דאָבע...

און פון פלאַץ איז ליכטיק געווען אַרום און אַרום איבערן גאַנצן נאַכטיקן מאַרק.

אונזער גיטל

I

— וואָס וועט זיין, גיטל?... — האָט די מאַמע איר גע־פרעגט.

— וואָס ווילסטו זאָל זיין?... — האָט גיטל צוריק געפרעגט איר מאַמען.

די הויכע און צעקנייטשטע מאַמע אין דער געקעסטעלטער פאַטשיילע, לאה די דינ׳טע, איז געשטאַנען אין בוידעם־שטיבל פון איר מיידלשער טאָכטער נאָכדעם, ווי זי האָט שוין אַן האַלב יאָר מיט איר נישט גערעדט, פאַרביסן מיטן מויל, צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ און פאַרבראָכן די דאַרע הענט אונטער דער פאַטשיילע:

— מיר׳ן די חרפה נישט אַריבערטראָגן.

— עס איז מיין „חרפה״, נישט דיינע...

לאה די דינ׳טע האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען דעם אופן, ח עס רעדט צו איר גיטל. איז זי געשטאַנען ביים קוימען און ווייטער נישט געגאַנגען. אָנגעקוקט איר מיידלשע טאָכטער, וואָס איז צו חרפה און לייטישע געלעכטער — גאָר מעוברת...

— גיטל, מיר וועלן זיך לעבעדיקע באַגראָבן...

זי, גיטל, איז שוין לאַנג געווען אין דער חברה אַחדות־ניקעס. זי איז שוין אַזאַ אַראָפּגעקומען פון דער גרויס־שטאָטישער „שקאָלע", ווו מיט איר איז פּאַרלאָפן אַ גאַנצע מעשה: מען האָט געשפּילט אין טעאַטער גאָרקיס „נאַ דניע". איז חברה אַראָפּגעקומען און בשעת מען האָט געהאַלטן אין מיטן שפּילן און אין טעאַטער איז פינסטער געווען, האָט מען פון אַלע זייטן אַ שאָט געטאָן מיט געדרוקטע רויטע צעטעלעך און אַ מיידלש קול האָט אין עולם־אַריין פון גאַלעריע אַ געשריי געטאָן:

— דאָלאָי סאַמאָדערזשאַוויע!...

האָט זיך ממש אויפגעבראָכן דער טעאַטער. מען האָט אויפגעהערט שפּילן אין מיטן דערינען. אין טעאַטער האָט מען ליכטיק געמאַכט. פּאָליציי, ווייזט אויס, האָט זיך געגרייט אויף עפּעס און זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו די טירן און צו דער גאַלעריע. די גאָראָדאָוואָיעס האָבן אַרויסגעצויגן די שאַשקעס. דער פּאָליציימייסטער האָט געהאַלטן אין האַנט דעם רעוואָלווער. מען האָט געקוויטשעט, געחלשט, ווי עס וואָלט ברענען אַרום און אַרום, פון די ווענט. שפּעטער האָט מען אַ גאַנצע חברה געפירט אין פּאָליציי, און גיטלען אויך.

— דאָס האָט זי געשריען...

זי האָט געהאַט אַ צעהיצט און צעוואָרפן קאָפּ, שוואַרצע געקרייזלטע האָר, און די אויגן זענען געווען יונגע און קלוגע, און אַ נאַקעטן ווייסן האַלז, און דער גאַנצער קערפּער האָט געצאַפּלט:

— אַ געלעכטער... אַן אויסטראַכטעניש... אין ווייס גאָרנישט...

פון פּאָליציי האָט מען נאָך צוויי טעג איר אַרויסגעלאָזן, נאָר אין „שקאָלע" האָט זי שוין מער נישט געקענט גיין. איז זי אַרויפגעקומען אַהער צו איר היים־שטאָט, ווו עס וווינט איר טאַטע דער דיין, אין דער שטאָט פון די שניידערס, פון די „גאָטאָווי־פּלאַטניקעס". זי איז שוין געווען שטאַרק פאַרטאָן אין

דעם אַחדות, און אירע אויסגעקוילעכדיקע גלאָנציקע גרויע אויגן האָבן שוין אַ סך געוווסט —

— פון ראַיאָן-קאָמיטעט...

דאָ האָט זיך געקערט די שטאָט: זי איז אַוועק צו די שניידערס און זיך אויסגעלערנט שטעפּן הויזן אויפן מאַשין. איז זי אַוועק פון איר טאַטן דעם דינ׳ס שטוב און זיך באַזעצט אַליין ביי שאַמע נחמנ׳טעס אין אויבער-שטיבל.

— און ווער ווייסט, וואָס דאָרטן טוט זיך...

איצט איז די מאַמע ביי איר, די חרפּה און דער ווייטאָק האָט אַריינגעשלאָגן דער מאַמען אין פּנים אַריין. זי האָט אָנגעקוקט איר שמד׳ניצע און גערעדט שטיל:

— דער טאַטע וועט פון דער וועלט גיין...

גיטל האָט אַוועקגעלייגט איר געניייעכטס, אויפגעשטעלט זיך מיט איר מיידלשער מאַמעשקייט און זיך אָפּגערופן, ווי אַ גלייכע:

— איז וואָס זשע ווילסטו, מאַמע?...

די מאַמע האָט געשוויגן און אַזוי שווייגנדיק האָט זי זיך געישובט. נאָכדעם האָט זי גערעדט צו איר מאָדנער טאָכטער, וואָס זי ווייס נישט פון וואַנען קומט צו איר אַזאַ:

— איך וויל... איך וויל... אַנישט ווייס איך, וואָס איך וויל, זאָל ער אַזוי פון זיך וויסן...

— איך ווייס...—האָט די מאַמע געשטאַמלט צו איר טאָכטער—איך ווייס, וואָס איך רעד... ביי מיר איז געווען חיה׳טשע די גראָבע... איך ווייס... אפשר עפּעס אַן עצה... מירן דאָך פון חרפּה...

גיטל האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, איז צו צום טיר פון איר אויבער-שטיבל, איר געעפנט:

— גלייכער זאָלסט גיין, מאַמע, אַהיים...

די מאַמע איז פאַרשעמט און פאַרגאַלט געוואָרן. זי איז געגאַנגען אַראָפּ פון די שאַרף-משופּעדיקע טרעפּ, אויבן ביים טיר איז געבליבן שטיין גיטל און געקוקט אַראָפּ—די מיידלשע ערב-מאַמע אַליין.

— מאָדנע...

II.

אַז גיטל איז געבליבן אַליין אין בוידעם-שטיבל, אַליין מיט אירע צוויי־און־צוואַנציק יאָר אין געהיימע אַחדותניקייט, האָט זי אַרויסגעקוקט פון דעם פאַמוגע-פענסטער אין ווייגטערדיקן אָוונט מיט אַזאַ פאַרעקשנטן געדאַנק:

— וועל איך זיין אַליין אַ מאַמע פון דעם קינד...

— און זאָלן זיי טאָן, וואָס זיי ווילן...

מערניסט, אַז מען איז אַליין אַ מיידל אַזאַ אין שטוב און מען קוקט פון דער פינסטער אַרויס אין שנייאיקער שטאָט, קוועלט עפּעס אָן ביים האַרצן, די ברוסטן, וואָס זשומען און ציטערן שוין פון ווייטן שפּירן פון קינדערשע ליפּן און הענט-לעך, לעבן עפּעס אַליין פון זיך און מיט זיך, די פּלייצעס וועלכע זענען אַזוי אָנגעצויגן און שטייף געוואָרן, צוקן זיך, צוקן זיך... — — — — — — — — — — — — — — —

— — און אָט גייט ער גלייך אַהערצו אויף די טרעפּ. ער הייבט זיך אַזוי גיך - גיך אויף, מיט דעם שוואַרצן, האָריקן באַשליק זיינעם, מיט די ווייכע בלאָנדע האָר און מיט די מאָד-נע אויסגעבלויטע אויגן...

— גיטל...

— שאול...

און אָט די אויגן זיינע זענען סיי פרום און ערנסט, ווי די ביכער, וועלכע ער לייגט אָן אָפענע, אויפגעריסענע אויפן טיש, סיי ברייענדיק אָט אַזוי, אַז גיטל פילט עס אויף אירע אייגענע באַקן, און אומעטיק, און קינדעריש.

— גיטל, מיר זענען דאָך רעוואָלוציאָנערן, „צאַרניקעס" רופן זיי אונז, איז עפּעס אַזוי מאָדנע, וואָס מיר האָבן זיך אַזוי משוגע פאַרליבט... מ י ר...

— מאָדנע טאַקע, שאול... — — — — — — — —

— — — — — מער נישט קיינער איז גאָר נישט... עס

איז פינסטער אין אויבער־שטיבל, נאָר די קאַץ איז געלאָפן אַרויף די טרעפּ. האָט זיך אויסגעדוכט, אַז עמיץ גייט. איינער אַליין איז גיטל אין שטוב.

אירע אויגן זענען גרוי און זענען אויסגעליכטיקט מיט אַ בענקשאַפט. אַ צווייאונצוואַנציק יאָריקער האַלז קילט זיך דאָ ביים ווינטערדיקן, פאַרבויגענעם פענסטער. איינע אַליין.

— אַ נאַרישקייט. ווי יומט אַהער שאול?...

III

צו אים האָט זי געשריבן אַ בריוו אַזוי:

„איך וואַרט אויף דיר, שאול. איך וואַרט אַלע טאָג די זאַלסט קומען. איך קען נישט פאַרגעסן, ווי עס האָבן בייינאַכט דיר געשלעפּט די זשאַנדאַרן מיט קלעפּ פון די טרעפּ אַראָפּ, און מיר אַלע קענען עס נישט פאַרגעסן. און מיר וועלן נישט שווייגן. אַ סך שרייבן קען מען נישט. אַז מען וועט דיר אַרויסלאָזן, שאול..."

אַזוי האָט זי געשריבן צו אים אין טורמע אַריין, אין גובערניע, וווּ ער איז געזעסן. וועגן דעם, אַז זי וועט אַ מאַמע ווערן האָט זי קיין וואָרט נישט געשריבן.

ערשטנס האָט זי זיך געשעמט וועגן דעם צו שרייבן און צווייטנס —

זי ווייס אַליין נישט. זי קען נישט וועגן דעם שרייבן. עס איז איר זאַך און — שוין. נו, וועט זי אַ קינד געבוירן. ווע־מען גייט עס אָן?...

און אפשר גאר דערפאַר:

— ער וועט האָבן צער אין טורמע. צער פאַר איר. הלמאי דאַרף זי דאָס ליידן?— זיי זענען דאָך פרייע מענטשן, רעוואָ־לוציאָנערן, בונדיסטן...

איז געענוג נאָר:

— „אַז מען וועט דיר אַרויסלאָזן פון טורמע..." אַגב, קען

דאָך סיי ווי סיי דאָס בריוול צו אים נישט אַווע יך. עס איז נישטאָ קיין געלעגנהייט. סתם געבן אויף פרעמדע נט, ווילט זיך נישט. האַלט זי ביי זיך דעם אָנגעשריבענעם יוול, און אפשר קומט ער אָן סתם נאָך פאַרן בריוול?

— אפשר...

IV

דערווייל האָט זי דערציילט די שניידערס וועגן דעם

— ווי מען זויגט דאָס בלוט פון פראָלעטאַריער...

— וועגן סאָציאַליזם..!

— און קאַמף...

עס האָט אָבער צו איר גאָרנישט געהאַט צוטאָן וואָס בשעת די פאַבריקאַנטן פון „גאָטאָווי פלאַטיע" זענען אַראָפּגעקומען אין דער גרויס־שטאָט, האָט מען זיי אָפּגעוואַרט ביי אַמבושן אויפן הויף און געשלאָגן מכות־רצח.

עס זענען געווען אין דעם פאַרמישט די שניידער. דאָ אין שטאָט האָט מען די פאַבריקאַנטן גאָרנישט געקאָנט טאָן. יעדן איינעם האָט מען געקענט און עס זענען אומגעגאַנגען צוויי ראָטעס סאָלדאַטן איבער די גאַסן. שיעלע קראַוויעץ האָט געפירט די גרענדע און אין בית־מדרש און ביים געוועלב געגאָרגלט מיט זיין הייזעריקן האַלז:

— טרייפענע ביינער... אין ענקער לייב אַריין... צאַרניקעס;.. אין די נעדערים אייך... מ'עט זיך שוין רעכענען...

דאָ האָט מען גאָרנישט געקאָנט טאָן, אָבער די שניידער האָבן נישט געקאָנט שווייגן, וואָס זיי האָבן פאַרשפילט דעם שטרייק און וואָס אים, שאולן דער לערער, דעם געקומענעם. האָט מען געשלעפּט פאַר די פיס פון די טרעפּ אַראָפּ און געשלאָגן מיט די פריקלאַדן און זייגע בלאָנדע האָר זענען אים אַראָפּגעהאָנגען איבערן פאַרבלוטיקטן פנים. קאָן מען נישט שווייגן. עס איז דאָך אַ שטאָט מיט שניידערס. האָט מען אַראָפּגעשיקט

דעם קליינעם מענדעלי אין דער גרויסער שטאָט, ווו עס פאָרן אַ ראָפּ די שניידערישע פאַבריקאַנטן מיט שיעלע קראַוויעץ.—

און אַז זיי זענען אַראָפּגעקומען, האָט מען זיי צורעכט געמאַכט. ביי אַמבושן אויפן הויף, ווו עס פאַרפאָרן די פורן האָט מען די „גאַטאָווי פלאַטניקעס" געשלאָגן מיט פרענטעס, מיט נאַגייקעס מיט בלייערנע קעפלעך, מיט אייזערנע הענטשקעס...—

צוריק אַהיים זענען זיי אַראָפּגעקומען אַלע באַנדאַזשירטע. דיביילן און „לאַמטערנעס" האָבן אַרויסגעקוקט פון צווישן די אויגן, וואָס זענען פאַרפאַלן געוואָרן אין אַ בעט-געוואַנט פון מערליע און וואַטע. עס זענען אָנגעקומען צוויי בוידן מיט ווייסע קעפּ, מיט צוגעבונדענע הענט אויף פעטליעס, מיט היטעלעך, וואָס זיצן אויף לייוונטענע קניפּן, מיט פאַרלאָפּענע שטערנס און שיעלע קראַוויעץ האָט געהאַט זיינע צוויי ציין אין קעשענע...—

— און שריי: חי וקים...—

— ווער?... וואָס?...

— חברה... אַחדותניקעס...

— צאַרניקעס

מיט גיטלען האָט עס גאָרנישט געהאַט, זי האָט אפילו נישט געוווּסט פון דער גאַנצער מעשה, נאָר אַז זי איז אויף מאָרגן אַראָפּ אין מאַרק, האָבן איר אַרומגערינגלט די ווייבער פון די געשלאָגענע מענער:

— חצופה דו...

— גיטעלע די ממזרטע...

— אין קייטן וועט מען דיר אַרויסשיקן...

שיעלע קראַוויעץ מיטן באַנדאַזשירטן קאָפּ און אויסגע־האַקטע ציין איז שוין אויך געווען דערביי:

— איכ׳ל זיך מיט דיר רעכענען... אחדותניצע... אויסגעררי־בען וועסטו מיר ווערן... ביז סאַכאַלין אין קייטן...

גיטל האָט זיך אָפּגעקערט, שטיל אַראָפּ פון מאַרק און גע־האַט דעמזועלביקן געפיל, ווי דעמאָלסט בשעת מען האָט שאולן געשלעפּט פון בוידעם אַראָפּ, מיטן קאָפּ אויף די טרעפּ. זי איז

דעמאָלסט געשטאַנען האַלב־נאַקעט אין דער נאַכט און געציטערט.
די זשאַנ־ דאַרן האָבן געשאָטן אין דער פינסטער, ווי מיט ביסיקן קרעך:

— מיט אַ מויד, אַ?... לאָבוס, דו... מיט אַ מויד... פּאַסקוד־ניק... אין דיין טאַטן אַריין, בונטאָווטשיק... פאַרפינסטערט וועס־טו ווערן, קראַמאָלניק... קאַנאַליע... הינטישער זון...

און זיי האָבן אים געשלעפּט אַראָפּ, אַראָפּ, און זי איז נאָכגעלאָפן אויף די טרעפּ.—

— דערזעלביקער געפיל...

V

אין שטאָט, ביי די בונדיסטן, האָט מען דערציילט, אַז דאָרטן אין גובערניע איז פאָרגעקומען זיין משפּט. דער משפּט פון שאולן. און ס'איז נישט געווען סתם דערציילט, ווייל אַלטער שניידער איז דאָך אַליין געווען דערביי. מען האָט צוגעלאָזן, און ער האָט עס פּאַר די בונדיסטן דערציילט.

דער סודיאַ איז געווען מיט אַ צוויי־שפּיציקע באָרד, ווי ביים קייסער אַלעקסאַנדער. דער פּראָקוראָר איז געווען פון סאַ־מע־פּעטערבורג. אין דעם גרויסן זאַל, דאָרט ביים טונקעלן צלם, וואָס שטייט מיט יעזוסן אויף אַ שוואַרצן שטענדער, דאָרט אַרויפצו ביים וואַנט אונטער די קייסערלעכע פּאָרטרעטן אין די מעשענע ראַמען, איז געזעסן דער גובערנאַטאָר אַליין.

— סוד אידיאָט... — האָט אויסגעשריען אַ פּריסטאַוו אַזאַ מיט מעשענע קנעפּ און גראָבע שליפעס מיט פּליכוואַטן קאָפּ, וואָס האָט געגלאַנצט, ווי אַ אָפּגעפּוצטער. איז דורכגעגאַנגען אַ שקרוך איבער די ביינער. אַזוי ווי עס וואָלטן אַריינפּאָרן סע־וואַסטאָפּאָלער האַרמאַטן.

דאָס האָט דערציילט אַלץ אַלטער דער שניידער, וואָס איז אַליין דערביי געווען. און דערציילט האָט ער עס טאַקע ביי גיטלען אין שטיבל, און דאָרטן זענען געווען נאָך חברים.

— שאול איז געזעסן די גאַנצע צייט און געשוויגן. ער האָט נאָר בסדר מיט אַ בלייפעדער עפּעס געמאָלן, געמאָלן...

— ער האָט ליב געהאַט צו מאָלן וועלף...— האָט אַרייַנ־געזאָגט גיטל.

— האָט ער אַזוי געמאָלן און קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס. אין מיטן דערינען האָט זיך געווענדעט צו אים דער סודיאַ מיט דער צווייִשפּיציקער באָרד. האָט אים שאול געענטפערט, נאָר זיך נישט אויפגעהויבן, האָט ער אים ווידער געפרעגט, האָט אים שאול ווידער געענטפערט און זיך נישט אויפגעהויבן. האָט אים דער סודיאַ ווידער געפרעגט און ער האָט זיך אַלץ ניט אויפגעהויבן.

— מען דאַרף זיך אויפשטעלן...— האָט דער סודיאַ אַ גע־שריי געטאָן.

— פּאַר תּלינים שטעל איך זיך נישט... — האָט ער גע־ענטפערט.

און אַזוי גלייך געקוקט דעם סודיאַ אין באָרד און אין צורה אַריין. דער סודיאַ האָט זיך אָנגעצונדן. ער איז אָבער אַ גראָבער, בלאָזט ער אין די גרויע וואָנצען אַריין, ווי אַן אַלטע, בייזע קאַץ, געדרייט זיך אויפן אָרט און נישט וויסנדיק וואָס צום ענטפערן אויפן שטעל, האָט ער אין צו־כעס־קייט אַ זאָג געטאָן:

— סאַדיס!.

און שאול איז גאָר די גאַנצע צייט געזעסן.

— און ס׳איז שוין קיין חידוש נישט, אַז ער האָט גע־קריגן אַכט יאָר!..

— וואָס ?...

— קאַטאָרגע...

אין בוידעם־שטיבל האָט אַ פלאַטער געטאָן אַ רויטע פלאַכ־טע און עס האָט זיך צעשפּרייט דער בראַנד פון דער עקידה:

— קאַטאָרגע...

גיטלען איז עפּעס ניט גוט געוואָרן, זי האָט אין ווינ־טער אַ עפן געטאָן דעם פענסטער, נישט וויסנדיק צו וואָס, און גערעדט:

— גאָרנישט, גאָרנישט, עס איז גאָרנישט...

שפּעט אין אָוונט זענען די פינף בונדיסטן מיט אַלטערקע שניידער אַראָפּ פון די טרעפּ פון בוידעם-שטיבל. אין די אַרבּ-לען פון די אָרימע ווינטערדיקע מאַנטלען האָט זיך אַריינ-געוּרקט אַ שטייפע קעלט, וואָס איז אַריבער באַלד אין די ביינער, אין דער נאַכט האָבן זיי זאַלבע פינפט געטראָגן צוזאַ-מען אַ בונדישע מעשה פון דעם חבר שאול:

— „פאַר תּלינים שטעל איך זיך נישט...״

VI

עטלעכע טעג כּסדר איז גיטל אָפּגעלעגן און זיך נישט געקענט אויפהויבן.

— אַז מען גייט אויף קאַטאָרגע, גייט מען אין לייוונטענע הויזן מיט נידעריקע לאַטשן און מיט קייטעלעך אויף די הענט... — האָט זי וועגן דעם געטראַכט.

האָט זי פאַר זיך געברומט דאָס לידל:

פון סיביר שיקט דיין טאַטע

אַ גרוס צו דיר, מיין קינד...

און סיביר איז דאָרט ווייט, אַ דאָרף, וועלכער ליגט אין פּופּציק-גראַדיקן פראָסט.

— שאול... — בעט זיך עפּעס דער געביין איז אַזאַ נאַכט אַליין אויפן בוידעם-שטיבל, — שאול...

דאָ אויפן פאָליצע שטייען נאָך און ליגן אָנגעוואָרפן זיינע נישט איינגעבונדענע, אויפגעשניטענע רוסישע ביכער. —

און אָט זיצט ער, שאָקלט זיך איין מיט דעם רעיון, וואָס קומט פון די זייטלעך אַרויס און רופט זיך אָפּ אַזוי:

— אַנ׳אָפּענע וועלט... אָפן...

אָט דערציילט שאול פאַר איר אין אַ אָוונט אַזוי וועגן דעם, ווי אַזוי עס האָט צום ערשטן מאָל דער ספק געגריזשעט דעם ביין—

— גיטעלע, עס איז אין מיר געווען אַנ׳אומעט אַזאַ אין טונקעלן פאַרנאַכט, אין דער ישיבה, ווו איך האָב געלערנט. די

ישיבה איז ליידיק, שקיעה- גאָלד שפּילט זיך מיט די לייבן פון ארון קודש, אַ עצבות לייגט דעם קאָפּ אויפן שוואַרצן פּרוכת. פון זיך אַליין סקריפּעט אָפּ אַ שטענדער, דוכט זיך, די טירלעך פון ארון עפענען זיך אַליין.

פרעג איך ביים פּלונגיאַנער:

— פּלונגיאַנער, וואָס הייסט עס, ליכט פון דער וועלט?

— תורה איז ליכט...— ענטפערט דער פּלונגיאַנער, דער שאַרפסטער קאָפּ פון ישיבה.

— טאָ פאַרוואָס זשע איז פינסטער?.. פּלונגיאַנער, אַז משה רבנו האָט געטראָגן די לוחות פון באַרג סיני, זיינען די אותיות לעבעדיקע געווען, איז גרינג געווען צו טראָגן — גאָר־נישט קיין שטיינער.

האָבן די אותיות דערזען די גאָלדענע קאַלב, זענען זיי אַוועקגעפלויגן, ווי פויגל, ווי גאָלדענע פּאַוועס. ביי משה׳ן איז געבליבן שטיין, שווערער שטיין, הוילער שטיין, האָט ער אים צעבראָכן...

— אַנטקעגן וואָס דערציילטו עס?— קוקט אים שטרענג אָן דער פּלונגיאַנער.

— אַנטקעגן די בחורים, וואָס וואַרטן דאָ ביים שוועל פון ישיבה און פאָרן אַוועק אין אַלעקסאָט אין דער ביבליאָטעק, צו די ספרים זייערע, ביכער...

וואָס ווילן זיי די בחורים?

— מיסיאָנערן...

— איך פאַרשטיי דאס נים..

— בונטאָווטשיקעס..

— קעגן ווועמען?..

— קעגן הקדוש ברוך הוא...

און נאָך?

— קעגן סדר העולם... קעגן קייסער... קעגן עשיר ועני...

דערציילט ווייטער שאול אַזוי:

— איז מען געזעסן אין מוסר-שטוב און געלערנט מוסר. עס איז פינסטער און ענג. איינער זעט נים דעם אַנדערן. רייסט

זיך אָפּ דער גוף פון אָרט און פון אינעווייניק טראָגט עפּעס דעם רוח, אַהין און צוריק איבער דער גרויסער שטוב לויפן אום די לערנער, יאָגן זיך איינע די אַנדערע מיט נגונים, פאַרוואַרפן איינער אויפן אַנדערן געשרייען, ווי מען פאַרוואַרפט שווערע שטריק, וואַרפן איינער צום אַנדערן אָפּגעריסענע ווערטער. —

— חשבון הנפש... חשבון הנפש!...—שרייט ווער איבערן גאַנצן שטוב. דאָס שרייט דער מוסרניק פּישקע, וועלכער האָט זיך גענומען צו ליגן, ווי אַ געשלאָגענער כלב אונטערן באַנק. דאָרטן ליגט ער טאַקע.

און אים, שאול׳ן האָט שוין געגריזשעט דער ספק. ער איז געזעסן שטיל אין ווינקעלע און געקלאַפּט מיט זיין אָרימען פויסט איבערן טיש:

— וואו איז ער?.. וואו איז ער?.. וואו? וואו?..

— ווער?..

— גאָט...

— יאָגן זיך און לויפן איינע נאָך די אַנדערע די שאלות און קענען זיך נישט דערשלאָגן צו קיין ברעג. ביים ארון-קודש, אין דער פינסטער, איז געשטאַנען דער ראש-ישיבה ר׳ שרגא-פייוול און גערעדט אָפּגעהאַקט, צעריסענע ווערטער, ווי ניט דער עיקר וואָלטן זיין די ווערטער, נאָר די מחשבות צווישן איין וואָרט און דעם אַנדערן. וועלכע ער איז זיי מאחד און לאָזט זיי אַרומפלאַטערן....

רעדט ער אַזוי:

— דאַרפן מיר... דאַרפן מיר... מקבל זיין... דעם יאָך... די האַרישקייט פון בורא... ער האָט נישט קיין באַדערפעניש אין די מענטשן... אַדרבה, מיר האָבן אַ באַדערפעניש אין אים... עס דאַרף זיין אַ הכנעה פאַר אים... אַן הכנעה... הכנעה...

— רבי, עס איז גענאַרט!...—האָט שאול אַ זאָג געטאָן פלוצלונג.

אין מוסר-שטוב איז געוואָרן אַ גרויסע מהומה. דער ראש-ישיבה האָט געזאָגט:

— ער איז געשלאָגן געוואָרן און מטורף...
האָט מען אים אָנגעהויבן שלאָגן אין דער פינסטער.
— גיטל, עס איז געווען, ווי מיין מאַמע וואָלט געשטאַר,
בען... — — — — — — — — — — — — — — —
ציט זיך אַזוי פון דאָרטן דער וועג ביז קאַטאָרגע.
ליגט זי ביינאַכט און ברומט אין איר מיידלשער מעוברת־
דיקייט:

פון סיביר שיקט דיין טאַטע,
אַ גרוס צו דיר מיין קינד...

VII

אין אויבער שטיבל איז מען געגאַנגען אויף די שפּיץ־
פינגער — גיטל איז געגאַנגען צו קינד, זי האָט זיך אַ כאַפּ
געטאָן פון בעט און וויל פּלוצלונג ערגעץ גיין.

— וואוהין?...

— דאָרטן צום טישל... עפּעס נעמען...

און קיינער ווייס נישט, וואָס זי וויל אַזוינס פון טישל
נעמען. נאָר באַלד צוריק נעמט עס אַרום דער ווי, ווי מיט
קלעשטשעס. נישט ווילנדיק רייסט זיך גאָר אַרויס אַ משונהדי־
קער קוויטש און אָט, דוכט זיך, וועט באַלד עפּעס זיין.

איר טאַטע, ר' משה דיך, וואָס מאַכט שטענדיק אַלע עופות
און בהמות טריף, דער הויכער און דאַרער דין מיט דעם שפּי־
ציקן ביינערדיקן גאָרגל, וואָס פליט אַרויף און אַראָפּ, איז גע־
זעסן צוזאַמען מיט דער ווייב זיינער אין שטוב און נישט אַ־
רויסגעגאַנגען און דער ווייב נישט אַרויסגעלאָזן.

— לאה, זיך אין שטוב, גיי נישט.

עטלעכע מאָל האָט עס דער מאַמען אַ הויב געטון: שטאַט
איז ביי איר טאָכטער אונטער די פענסטער. ווי זיצט מען איין?_
דרייט זי זיך אַרום איבערן שטוב, קאָן זיך קיין אָרט נישט גע־
פינען, קוקט אויף דעם דרויסן אַרויס מיט אַ:

— ווי, ווי איז מיר... ווי...

און געוואַרט, אַז באַלד זאָל עמיצער אַריינלויפן אין שטוב און אָנזאָגן:

— לאה, אייער טאָכטער רופט אייך...

האָט זי געבראָכן די הענט און געגלעט דעם אייגענעם צוקנייטשן פּנים, און משה דין, דער מאַן אירער, דער טאַטע, האָט גערעדט:

— גאָט האָט צוגענומען... גאָרנישט...

— זאָלן די אויגן די חרפּה נישט אָנקוקן...

ביי גיטלען אין בוידעם-שטיבל האָט דער דאָקטאָר שוין געברענט מיט דעם ספּירט די גלאַנציקע, ווייסע אייזנס אין דער ניקלנער פּושקע. פון קאָליקן, פאַרעדיקן וואַסער האָט גע-שמעקט מיט נישט-גוטן. צו דער אַקושערקע האָט ער געזאָגט:

— זייער שלעכט...

אויף דעם דאָקטאָרשן לשון האָט ער איר עפּעס דער-קלערט. חנה מיט עטלען זענען אומגעגאַנגען אין איין ציטער. עס האָט געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן. אַלטער איז געשטאַנען אונ-טערן טיר און געוואַרט אין פלאַטערניש. אויף דרויסן זענען געווען חברים און זיי האָבן אויף די טרעפּ קיינעם נישט אַרויפ-געלאָזן.

גיטל האָט שוין גאָרנישט געוווּסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט זי איז. זי איז שוין געלעגן גאָר שטיל, אַזוי ווי אַלע ווייען וואָלטן איר נאָכגעלאָזן. זי האָט נאָר שטילערהייט, אַליין דאָס ניש פילנדיק, געקרעכצט.

— דאָס איז נאָך ערגער... — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט צו דער אַקושערקע. די אַקושערקע ליזע האָט זיך דערמאָנט, אַז גיטל איז דאָך איר אַזאַ היימישע חברטע און שוין אַזוי לאַנג, נאָך פון שול אָן, איז זי אָפּגעגאַנגען אָן אַ זייט און אויסגע-ווישט די טרערן אונטער אירע בלאָנדע האָר, וואָס זענען איר אַרומגעהאַנגען איבער דעם נישט אויסגעשלאָפענעם פּנים.

גיטל האָט נאָר צומאָל אויפגעעפנט ברייט אירע צוטומל-טע אויגן. אַרומגעקוקט זיך, ווי זי וואָלט עפּעס אַרומזוכן, און אַרויסגעפלוידערט:

— שרייבט נישט גאָרנישט... גאָרנישט... מען דאַרף נישט.

VII

דער דאָקטאָר האָט דאָס קינד אַרויסגענומען מיט צוואַנגען — אַ בלויער יינגעלע מיט אַ גרויסן קאָפּ און לאַנגע, שוואַרצע האָר. דעם יינגעלע האָט מען געוואָרפן אַהין און צוריק־אין אַ ליילעך, כּדי צו מחיה זיין. —

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט גיטל דערהערט אַ קוויטש, זי האָט דערשפּירט איבער איר לייב אַ מאַמעשן צער און תּענוג.

— עס לעבט...

באַלד נאָכדעם האָט איר געכאַפּט דער בלוט־שטורץ. מען האָט אַלץ געטאָן, מען האָט אָבער זייער ווייניק צייט געהאַט.

— עס איז מיט איר שלעכט... — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט.

אין מיטן דערינען איז דאָ געווען אַלטער שניידער.

— ראַטעוועט, פּאַניע דאָקטאָר, ראַטעוועט... — האָט ער געבעטן.

— זי גייט אויס... — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט — זאָל מען רופן נאָך טאַטע־מאַמע...

גיטל האָט אַן עפן געטאָן די אויגן:

— ניין...

און זי איז שטיל געוואָרן. נאָכדעם האָט זי ווייטער אַ שעפּטשע געטאָן:

— אַלטער... דאָס קינד...

אַזוי וואָלט עס די חברטע חנה קיינמאָל נישט געוואָגט, נאָר עס האָט שוין אַזוי שלעכט געהאַלטן, האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— גיטעלע... עפּעס צוויסן געבן אים... שאולן...

זי האָט ווידער אַן עפן געטאָן די אויגן און דאָס מויל:

— מ׳דאַרף נישט...

מער האָט זי שוין נישט געקאָנט קומען צו זיך. עטלעכע

ווערטער האָט זי נאָך אַרויסגעפּלוידערט.

— דאָס קינד... קי—נד—... ק—י—נ—ד...

און—אויס.

VIII

נישטאָ מער אונזער גיטל.

אַלץ איז געווען אַרום איר שטוב. די אָרגאַניזאַציע האָט געמאַכט אַ וואָך. דאָס קינד האָט צוגענומען אַלטערקע שניידער:

— מ׳עט אים שוין האָדעווען.

— אַ אונזעריקער...

אויבן האָט מען אַרויפגעלאָזן נאָר אייגענע חברים

— אויפן בית־עולם וועט מען רעדן...

— מען וועט אַרויסוואַרפן אַ פאָן...

שטאָט האָט זיך געקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ, אין גאַס, אין בית־מדרש, אין יעדער שטוב:

אַזאַ מעשה... אַזאַ מעשה...

— טאַטע-מאַמע פאַרשמעקן נישט...

— זיי וועלן גיין מיט די פענער...

— שפּילט זיך מיט חברה...

דערווייל איז מען געוואָר געוואָרן, אַז חברה־קדישא וועט נישט מטהר זיין און נישט מקבר זיין. זי וויל איר לייגן ביים פאַרקאַן. דאָס האָט אַ שטעל געטאָן אַלע שניידערס אויף די פיס. מען איז געוואָרן גרייט שטאָט אויפצוטרייסלען.

— מיר׳ן זיי ווייזן...

— און אָן רחמים...

און געבליבן איז, אַז מען מאַכט אַל לויה, גיטלען וועט מען אין אַ מטה טראָגן איבערן שטאָט אויף די אַקסלען. און מקבר זיין וועט מען איר אויך אַליין.

— און אויפן סאַמע אויבנאָן...

— ביי דעם אהל...

— נעבן שרהלע ראָניעס די פרומע...

— בײַ דער גרויסער מצבה...

חברה שנײַדערס האָבן געאַקערט די שטאָט. איז טאַקע באַלד געוואָרן די בהלה: די אַחדותניקעס גראָבן אַ קבר בײַ דעם אוהל.

— זאָל מען נישט לאָזן...

— זאָל מען רופן פּאָליצײַ...

— די קצבים...

— די בעלי־עגלות...

אָבער די שנײַדערס זענען אויף אַלץ גרייט געווען. מען וועט דערגיין ביז בלוט. מען וועט זיך קוילענען, אַלטער שנײַדער וועט זיך לאָזן אַ טויטער אויפן אָרט.

בײַ די באַלעבאַטים איז פריער געווען אַ דעה, אַז מען זאָל טאַקע אַראָפּשיקן די בעלי־עגלות אויפן גוטן אָרט און נישט לאָזן צו חלול-השם. אָבער די שנײַדערס האָבן אָנגעזאָגט די בעלי־עגלות, אַז זיי זאָלן זיך בעסער נישט אָנהויבן, ווײַל מען וועט גיין אויף מעסערס, און עס קאָן זײַן, אַז די בעלי־עגלות וואָלטן נישט נאָכגעלאָזן, ווען זיי וואָלטן נישט זען, ווי אַלע טויזנט שנײַדערס גייען מיט דער לויה.

— ברעכן די באַלעבאַטים די קעפּ זייערע... — און זיי זענען אָפּגעגאַנגען.

איז געגאַנגען די לויה איבערן שטאָט. אַ האַלבע שטאָט מיט אַחדותניקעס איז געגאַנגען. האָט מען אַזוי גייענדיק געזונגען:

פון סיביר שיקט דײַן טאַטע
אַ גרוס צו דיר מײַן קינד...

שיעלע פּעמפּיק האָט געשאָלטן, שטייענדיק אויף זײַן בריקל:

— אין ענקער לייבער אַרײַן... אין די טריפהנע בײַנער אַרײַן... פּירט מען שוין אײַך אַלע אין דעם שוואַרצן קאַסטן... צאַרניקעס... בונטאָווטשיקעס... אַ פּאַסקודסטווע... אַ ממזרטע...

אָבער קיינער פון די באַלעבאַטים איז נישט אַרויסגעגאַנגען. דער פּריסטאַוו האָט זיך אויך נישט געמישט:

— זאָל חברה איר באַגראָבן...

קליינע קינדער האָט מען אַריינגעכאַפּט אין שטוב:

— מ'עט נאָך באַלד שיסן...

אויפן בית־עלמין איז שוין טונקל געווען. דער קבר איז טאַקע געווען נעבן שרהלע ראַניעס. אַליין האָט מען אים אויס־געגראָבן, פאַרשאָטן אַליין. קדיש האָט מען נישט געזאָגט, אָבער ביי אַלעמען זענען נעווען גלאַנציק די אויגן.

מען האָט אַ הויב געטאָן די רויטע פאָן, איז דורך איי־בער אַלעמענס לייבער אַ ציטער און אַ שאַרפקייט. מען איז געבליבן אויף די ערטער, אַלטערקע שניידער האָט געווישט מיט זיין אַרבל די אויגן און געריעדט עטלעכע אָפּגעהאַקטע ווערטער:

— אונזער חברטע גיטל... פרייהייט... קאַטאָרגע... אַ שבועה... אונזער חברטע גיטל... אונזערע...

אויף דער תּלית

I

הירשקע. —

נאָך דעם, ווי ער האָט אין אײַנ געשאָסן, איז זײַן ברײטער, עקשנותדיקער פּנים מיט די צעגאָסענע זומער־שפּרענקלעך געווען אַזוי שטײַף אָנגעצויגן, ווי עס איז אָנגעצויגן מיטן פּאַס די ברוינע, רויע פּאָדעשווע אויף די גרויסע שטיוול, וועלכע ער האָט ערשט נעכטן פאַרריכט, זיצנדיק אויפן שוסטער־געזעסל.

— געשאָסן און געטראָפן...

דער גוישער גאַרבער, דער חבר, וואָס איז מיט אים געווען, פון וועלכן עס האָט געשמעקט מיט פעל און מיט ווינט, וועלכער האָט הירשקען אָט דאָ ביים צירק אויף אַ רגע פאַרלאָרן ביז ער האָט דערהערט די קנאַלן פון די קוילן — אָט דער גאַרבער האָט מקנא געווען הירשקען, וואָס האָט אים געפּאַקט, דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר, און אַוועקגעלייגט:

— אַ מזל ס'האָט דער הירשקע...

הגם הירשקע איז שוין געווען אַרומגערינגלט מיט צעיושעטע „אָקאָלאָטשניקעס", „גאָראָדאָוואָיען", פּריסטאַוועס, זשאַנ־

דאַרן און אָפּיצירן און ער האָט נאָך געהאַלטן זיין רױלװערדיקן רעװאָלװער, דאָך איז ער געשטאַנען רואיק, אַזױ גלאַט-אַזױ-זיך, מער ניט זיינע הױכע און ברייט-ביניקע אַקסלען מיט זיין ברױנער, ברייטער מאַרינאַרקע זענען געװען אַזױ הױך אױפגע-הױבן העכער און ברייט-ביינערדיקער פון שטענדיק:

— דער שיסער פון סאַטראַפּ...

אַרום צירק זענען געװען קאַרעטעס מיט פּאָר פערד, מיט פערד „נאַ שפּיץ״, גרױס-רוסישע קוטשערס, מיליטערישער עולם, נאָר עס איז געװען אָנגעלאָדן מיט גרױסער, שװערער און שרע-קענדיקער שטילקייט. און די דאָזיקע פּחד-שטילקייט איז אַװעק מיט שװאַרצע, צעשפּרייטע פּאָלעס איבערן גאַנצן לאַנד, נאָך װעלכער עס האָט זיך נאָכגעטראָגן אַזאַ טונקעלער, שרעקענדיקער מול, און פאַרזייט אומעטום דאָס האַימערדיק װאָרט:

— טעראָריסטישער אַקט...

דער יונג איז געשטאַנען רואיק צװישן דעם צערייצטן און מיט פּחד און מיט נקמה אָנגעגאָסענעם מיליטערישן עולם. זיינע ביידע הענט זענען שױן געװען פעסט אַרומגענומען. ער, הירש-קע דער שוסטער, איז געשטאַנען רואיק און פון זיינע אױגן האָט זיך אַרױסגעגליטשט אַ מאָדנער הייטערער שטאָלץ.—

און דער דאָזיקער שטאָלץ איז מיט אַ פאַרכאַפּט אָטעם אַװעק איבער װערקשטאַטן אין פאַבריקלעך, איבער שטעט און שטעט-לעך, איבער בױדעמס און קעלערן און האָט זיך צעגאָסן שטאַר-קער, װי אַ שטאַרקער װיין:

— אַ אונזעריקער...

און עס האָט זיך אױפגעכאַפּט אַזאַ העלישער פלאַם, װאָס הירשקע האָט אָנגעצונדן, אַ פלאַם אַזאַ אַרױסגעשפּאַרט פון אַ אור-קװאַל, פון אַ אור-דורות׳דיק פעלד, פון אַ סטיכיע, װאָס הירש-קע, אַזױ זיך אױפהױבנדיק פון זיין שוסטער-בענקל, איז איר שליח געװען:

— נקמה...

און צוזאַמען מיט דעם—אַ פאַרשװאָרענער, אַ פאַרטאַיעטער און אַ רודערנדיקער, און אַ אױפװעקנדיקער פאַראָל, װאָס האָט

געקלאַפּט ביינאַכט אין טיר און פענסטער, געקנוילט זיך איבער די דעכער פון די הייזער, האָט פונאַנדערגעעפנט הערצער, ווי עס עפענען זיך בלומען אַקעגן דער זון:

— בונד...

הירשקען האָט מען אָפּגעפירט אין דער אַנטאַקאָלער טורמע ביז זיין טויט-אורטייל, וואָס וועט זיכער קומען. —

II

און ער איז באַלד געקומען.

— הירשקע גייט אויף דער תּליה...

דער אָנקומענדיקער טויט איז ניט געווען אומגעריכט — זיכער, באַשטימט, אומפאַרמיידלעך און-פאַרפאַלן. איז אַזוי אַוועקגעשטעלט געוואָרן איינס אַנטקעגן דאָס אַנדערע — פון איין זייט הירשקע און פון דער אַנדער זייט — די וועלט. אַזאַ וועלט, וואָס שטייט מיט אַ אָפן פּיסק איינצושלינגען הירשקע דעם שוסטער. פון זייט זענען זיי געשטאַנען — די חברים, אָט יענע, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט אים געטשאַטעוועט נאָך דעם גענעראַל-גובערנאַטאָר, אַצינד שטייען זיי ביי אַנטאַקאָלער טורמע און רייסן די קעפּ אין דערהויך אַרויף — צו זיין פענסטער.

הירשקעס תּלין איז געווען אַן אַרעסטאַנט פון דערזעלביקער טורמע — אַ גזלן און אַ קאַטאָרזשניק, וואָס איז געוואָרן דער שותּף פון דעם צאַר-אימפּעראַטאָר. נאָך דער תּליה וועט ער באַקומען זיין לוין פאַר דער שטיקל מלאכה: מען וועט אים אַרויסלאָזן אויף דער פריי... הירשקע האָט געוווסט, אַז דאָ אין זעלביקן טורמע-קאָרידאָר, אין דעם אַנדער צימער זיצט זיין תּלין, אָט דער, וואָס וועט אַרונטערשלעפּן דעם בענקל אונטער זיינע פיס —

— אין זיין טאַטנס טאַטן אַריין...

— אַ רוח אין זיינע ביינער...

הירשקע וואָלט אים אַזוי צעהרגעט, ווי אַ ביטערן עפּל, ער וואָלט אים אונטערגעהאַקט די זייטן און „אַריינגעפּעטסט", נאָר

ווידער, סוף כּל סוף, וועט ניט זיין דער קאַטאָרזשניק, וועט זיין אַנ׳אַנדערער, טוט הירשקע אַ שפּיי קנאַקעדיק און אַ קלאַפּ צו מיט די דיקע ליפּן פון אונטער די קליינע וואָנסעלעך:

— עט, אַ פינסטערער עלעמענט...

— זאָל ער „כאַליען״ אין טורמע...

הירשקע האָט געהאַט אַ יונגע מעוברתע ווייב, די איז גע־קומען צו אים אויף דער לעצטער זעאונג אין טורמע אַריין. עס האָט זיך עפּעס ניט געקלעפּט צווישן זיי דער שמועס. זי האָט אינעווייניק רק געוואָלט וויינען — אויף וועמען לאָזט ער איר אָט אַזוי אַ מעוברתע איינע אַליין אויף דער וועלט?... און זי האָט דעמדאָזיקן הירשקען אַזוי האָלט געהאַט אַצינד, אַז ס׳איז אויף אים אַ ביטערער רחמנות — פאַרוואָס קומט אים שטאַרבן?... מער ניט זי האָט זיך איינגעהאַלטן. זיין פּנים האָט איר אַזוי ווי פאַר־שטופּט, פאַרשפּאַרט דעם געוויין:

— מענטש איינער, וויין ניט...

ער האָט אין זיך אַרויסגעזוכט די ווערטער, וועלכע ער זאָל זאָגן זיין ווייב סלעצט מאָל.

— ווייסט איך האָב אים געזען דעם תּלין... ער זיצט דאָ אין צווייטן צימער... — האָט ער אַרויסגעכאַפּט פון זיך אומגע־ריכט די וויכטיקסטע נייעס.

אירע געדערים האָבן פון דעם אויפגעציטערט, אַפילו זיין קינד ביי איר אין בויך האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן. זי איז אַ יידענע, וואָס ווייס זי? — האָט זי אים געזאָגט:

— אפשר, הירשקע, וועט נאָך צו דעם ניט קומען?...

— גיי שוין גיי... און איך האָב גאָרניט מורא. מען שטאַרבט איינמאָל.

ווי זאָל זיך איינהאַלטן אַ ווייב און ניט וויינען? — אָבער זי האָט געפילט, אַז זי טאָר ניט וויינען, זי טאָר עס ניט צוליב אים, צוליב הירשקען. איז עס געווען איר גבורה:

— קיין טרער...

איצט האָט הירשקע ווידער פון זיך אַרויסגעריסן און געברעדעם:

— ווערסט שוין אין גיכן האָבן דאָס קינד...

אין דער רגע האָבן זיך אַוועקגעשטעלט צוויי גרויסע טרערן אין אירע אויגן און אַזוי גלייך געקוקט אויף אים — אויפן טאַטן פֿון קינד. און זי האָט זיך אָפּגערופֿן מיט אַזאַ מאַמישקייט:

— זיי זיכער, איך וועל דאָס שוין האָדעווען...

— אויב סוועט זיין אַ ייִנגל, גיב אים אַ נאָמען הירשקע...— האָט ער איר געזאָגט.

— גוט, גוט...

און דער לעצטער שמועס איז געענדיקט:

— זיי געזונט, הירשקע, זיי געזונט...

מער האָבן זיי ניט גערעדט. ערשט אויפן גאַס, צוריקוועג, האָט זי ניט אויפגעהערט צו וויינען. און אַז זי איז געקומען אין קאַמער צו זיך, איז זי געבליבן זיצן אַ צעמראָטשעטע. —

III

עס איז אַריין צו אים דער אַדוואָקאַט.

הירשקע האָט פֿאַר דעם אַדוואָקאַט זייער דרך ארץ געהאַט. מערניט, ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען נאָך וואָס ער איז צו אים געקומען — וועט דען נאָכאַמאָל פֿאַרקומען אַ סוד?.. — עס איז דאָך שוין אַלץ געענדיקט. נאָר מסתמה וועט ער באַלד זאָגן. האָט הירשקע געוואַרט.

דער אַדוואָקאַט איז געקומען אים זען דאָס לעצט מאָל — מיט דעמדאָזיקן הירשקע קלינגט איצט אַ וועלט, וועגן וואָס ער ווייס ניט. איז ער געקומען דער אַדוואָקאַט צו אים פֿאַר דער תּליה. געווייינלעך, אַ פֿאַרמשפּטער — אפשר וויל ער עפּעס, האָט עפּעס וואָס צו בעטן. אָנזאָגן? —

— דאָס דאַרף דער אַדוואָקאַט...

הירשקע האָט אים אָבער ניט געדאַרפֿט. ער האָט גאָרניט, וואָס צו בעטן. ער האָט אויסגעזען אַזוי רואיק, אָט אַקוראַט ווי ער וואָלט דאַרפֿן באַלד נעמען אַ שטיוול צו פֿאַרריכטן.

— איר ווייסט, ער זיצט דאָ... — האָט הירשקע געזאָגט.

— ווער?..

— דער תּלין...

ווי באַלד, אַז הירשקע האָט גאָרניט, וואָס צו בעטן, קען שוין דער אַדוואָקאַט אַוועקגיין. פרעגט ער נאָר צום סוף:

— אפשר פאַרלאַנגט איר עפּעס?..

הירשקע האָט אויך עפּעס געוווּסט, אַז אַ פאַר׳משפט׳ער קען פאַרן טויט פאַרלאַנגען, וואָס נאָר ער וויל, אויסער לעבן. הירשקע וואָלט אויך עפּעס וועלן אָט אין דער לעצטער מינוט פאַרן טויט, נאָר דאָס איז אים שווער אַרויסצוברענגען, נאָר אַז דער אַדוואָקאַט האָט שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין, האָט זיך דאָך הירשקע אָפּגערופן:

— איך וואָלט עפּעס וועלן...

— וואָס, אַדרבה.

— איך וואָלט אייך וועלן עפּעס פרעגן.

— פרעג, אַדרבה.

— איך וויל וויסן, צו וועט מען מיט זיי אַ סוף מאַכן... דאָס וויל איך וויסן...

IV

דער רב איז אויך געקומען. ער דאַרף מקים זיין דעם דין און דעם „פּריקאַז״:

— דנא דמלכותא דנא...

און עס איז דאָ אויך אַ תּורה מיט יידישקייט אויף דער וועלט, און אַז אַ מענטש גייט אויף יענער וועלט, דאַרף ער ודוי זאָגן. וועט ער, דער רב, די מצווה האָבן. אָט דער שוסטער איז אַ בונטאָווטשיק, אַ בוגד במלכות — ער איז ווערט מען זאָל אים קורע כּדג זיין, אָבער עס איז דאָך אַ יידישע נשמה און עס איז אַ רחמנות אויף אים.

— זאָל זיך דער אייבערשטער מרחם זיין...

וועט ער, אַ רב פון אַ שטאָט, גיין אין טורמע אַריין צו דעם שוסטער הירשקע און וועט מיט אים ודוי זאָגן. ער איז

דאָך געוויס לא עלינו, אַנ׳עם-ארץ, וועט ער זאָגן מיט אים צו-זאַמען.

— ווער ווייס, וואָס פאַר אַ אומגליקן אויפן כלל ישראל וועלן נאָך זיין...

איז ער געגאַנגען דער רב פון דער שטאָט, האָט זיך מטריח געווען אין טורמע אַריין. אגב, על פי „זאַקאָן״ מוז מען דאָס אויך.

— שלום עליכם, הירשקע...

— שלום עליכם... — האָט הירשקע געענטפערט און זיך געוווּנדערט, וואָס טוט דאָ ביי אים דער רב? סטייטש?..

— אַז אַ ייד שטייט פאַר אַזאַ אומגליק, ניט ביי קיין יידן געדאַכט, דאַרף ער ביז דער לעצטער רגע ניט פאַרלירן דעם בטחון... אפשר וועט פאָרט דער אויבערשטער... אפשר...

— איז וואָס זשע ווילט איר פון מיר, רבי?..

— איך וויל פון דיר... גאָרניט וויל איך ניט פון דיר... איך וויל נאָר זאָלסט מקים זיין אַ מצוה... דאַרפסט זאָגן ודוי...

און אַז הירשקע איז געבליבן אַזוי אויג אויף אויג מיטן רב — ער, הירשקע, און ער דער רב פון שטאָט — האָט ער אים אָנגעקוקט, אָנגעקוקט און זיך אָפּגערופן:

— ניין, רבי...

— וואָס שייך?.. וואָס הייסט דאָס?..

— ניין, רבי... איך דאַרף דאָס ניט...

— באַרעכן זיך, וואָס זאָגסטו...

— איר ווילט דאָך ניט, רבי, איך זאָל אייך גראָב אָנ-קומען... גייט בעסער אַהיים... זאָג איך אייך...

— און אפשר וועסטו, הירשקע, פאָרט...

— רבי, ניין... גייט אייך אַהיים און לאָזט...

דער רב איז אַ פאַרשעמטער און אַ צעטומלטער אַרויס פון הירשקען. ער האָט דאָס גאָרניט געקענט פאַרשטיין און ער האָט אינעווייניק געקוועטשט מיט די פלייצעס:

— ווי ווייט די סטרא אחרא איז אַוועק... השם ישמרנו...

— אַ שוסטער קען...

— די בונטאָווטשיקעס...

V.

עס איז געווען ערב באַגינען. נאַכט איז נאָך געווען אויף דעם טורמע-הויף. באַלד וועט שוין אָבער אָנהויבן צו גרויען.

אין די קאָרידארן פון אנטאקאלער טורמע איז געגאַנגען צוזאַמען מיט הירשקען אַ צעשאָטענע גרופּע מיט מענטשן, וועלכע זענען געגאַנגען יעדער איינער מיט זיך און מיט זיין אויפגע-רודערטקייט — עס זענען געגאַנגען געריכט-מענטשן, טורמע-וועכ-טער, זשאַנדאַרן, „קלוטשניקעס", אַ זשאַנדאַרמערסקער פּאָלקאָווניק, אַנ'אָפיצער, אַ פּראָקוראָר. אַ ראָטע סאָלדאַטן האָט געוואַרט אויפן הויף. הירשקע איז געגאַנגען פאָראויס.

מען האָט אים געפירט צו דער תליה.

די טורמע-קאָרידארן, די טונקעלע געוועלבן, זענען פול מיט טונקעלקייט, אין וועלכער עס ברענען קליינע נאַפט-לעמפּ-לעך — רויטע, זשאַנדאַרמעסקע אויגעלעך. גייט מען צווישן די קאָרידארן, מען רעדט קיין וואָרט גיט, אויסער טריט הערט זיך גאָרניט. צומאָל נאָר קלינגט אָפּ אַ בינטל שליסלעך. —

הירשקע גייט פאָראויס, ער גייט גלייך, רואיק, אָבער פּאַמעלעך. צו ווייל ער איז טאַקע געווען אַ הויכער און אַ ברייט-ביינערדיקער, צו ווייל די אַנדערע האָבן זיך געפילט צעשראָקן און אַראָפּגעבויגן — אַזוי, צי אַזוי, ; בע ער איז געווען עפּעס אַזוי הויך, אַזוי משונה-הויך, אַלעמען פאָראויס און פון אַלעמען העכער.

אָט דער הויכער שוסטער-יונג מיט דעם ברייטן, צע-שפּרענקלטן פּנים האָט געהאַט אַ ווייכע ברוסטיקע שטימע. ביי זיין שוסטער-טישל האָט ער אויסגעזינגען זיינע צוויי-דריי לידער, וואָס ער האָט געקענט. ער האָט דערשפּירט, אַז אַצינד איז די ריכטיקע צייט — אָט זיי אַלעמען צו להכעיס, אָט אין זייער טאַטנס-טאַטן אַריין, אָט אַזוי ווי דעמאָלסט אויף נאוווגאראד, בשעת מען האָט צעטראָגן די הויז פון אוריאַדניק אויף שטיקלעך און

אַרויסגעטראָגן די צווײ בונדיסטן אויף דער פרײַ — אַט אַזוי אַ זונג טאָן:

וױ זשערטוואָיו פּאַלי

ו באָרבע ראַקאָוואָי...

מען האָט אים ניט געשטערט, ער גײט דאָך צו דער תּליה. נאָכדעם האָט ער דאָס אַזוי מאָדנע געזונגען, אַזוי אױס-טערליש, אַז סײ ער אַלײן — נו, דאָס איז קײן װוּנדער ניט — און סײ אַלע איבעריקע האָבן אָנגעהױבן צו גײן אין לאַנגזאַמען טאַקט פון הירשקעס ליד און אַזוי געשטעלט טאַקע די טריט:

וױ — — זשערטוואָיו — פּאַלי —

וו — באָרבע — ראַקאָוואָי — — — — — — —

דער טורמע נאַטשאַלניק, וועלכער איז אַ געוועזענער זעל-נער, האָט זיך געכאַפּט אַז זײ גײען אין טאַקט פון הירשקעס ליד. האָט ער זיך אַ ריס געטאָן, וױ פון אַ הינער-פּלעט און ער האָט אַ געשרײ געטאָן, וױ ער וואָלט עס עפּעס אַ געשרײ טאָן אויף זיך אַלײן:

— מאָלטשי, קאַנאַליאַ!.. סוקין סין, מערזאַוועץ!..

הירשקע האָט הינטער זיך אַ קוק געטאָן און עס האָט אים געאַרט, וױ די וואַנט. ער האָט אַ שמײכל געטאָן און ווײטער געזונגען אַזוי, אַז אַלע אַרעסטאַנטן האָבן זיך אויפגעכאַפּט און אויפגעשטעלט אין זײערע צימערן:

— מען פירט אים...

— צו תּליה...

און אין אַלע קאַמערן, אונטער די גרויע ווענט, אונטער די קראַטעס, אין אַלע שטאָקן פון דער טורמע איז אַוועק אַזאַ פּלאַטערניש, אַזאַ פּאָכעניש און אַזאַ טרײסלעניש מיט די צײן און אַזאַ זשומעניש אין די בײנער:

— תּלי—ה——ת—ל—י—ה...

V

האַלב באַגינען אויפן הויף.

עס וועקט זיך רואיקייט און אייביקייט און גלייכגילט אויפן הימל — אַ בלינדע, פֿאַרגליווערטע מאַסקע פֿון אַ וועלט אַזאַ.

אַ ווייל ווינטל יאָגט אָן. מאַי.—מאַי'דיקער באַגינען קילט מיט אַ לינדער פרישקייט.

אויפן טורמע-הויף שטייען קאַשטאַן-ביימער. פֿויגל, וועלכער דערשפּירן פרימאָרגן אונטער זייערע פֿליגל, צעצוויטשערן זיך. אָט, אַז די קאַשטאַנעס ווערן פֿאַרטיק איז גוט זיי „אַראָפּצושיסן״— אַזעלכע גלאַנציקע, ברוינע קאַשטאַנעס פֿאַלן אַרויס פון די שאָלעכצן. דאָ צופֿוס'נס איז אַ גערטל פֿון אַ טורמע-וועכטער אַרומגעצאַמט מיט אַ נידעריק פּלאַנקנדל, עטליכע לאַנגע בייטן, עס וואַקסט אַרויס אין באַגינען, אין טוי, — דער חדש-רעטאַכל. אַ הונט טרייסלט זיך אויף.

הירשקע איז זיך געגאַנגען צו דער תּליה. פֿון די קראַטעס האָבן זיך אַרויסגעשטעקט קעפּ, אַרעסטאַנטישע קעפּ, ווי אַריינגעוואַקסענע אין די קראַטעס מיט זייערע שוואַרצע און בלאָנדע טשופּרינעס, און די קעפּ די קיילעכדיקע און די געגאָלטע . אין דער זעלבער רגע האָט מען אָנגעהויבן פֿון טורמע זינגען, פֿון איין פענסטער, פֿון אַ צווייטן:

ווי זשערטוואָיו פּאָלי,

וו באָרבע ראָקאָוואָי...

און ווידער ווי עפּעס אַ קליפּה וואָלט אַריין דאָ אין מאַיבאַגינען, — אַלע גייען ווידער אין טאַקט פֿון ליד, אפֿילו דער זשאַנדאַרמסקער פּאָלקאָווניק, אפֿילו דער טורמע-נאַטשאַלניק און וועגן דער ראָטע סאָלדאַטן איז שוין אָפּגערעדט.

— און הירשקע גייט פֿאָרויס און זינגט...

בײַ עס כאַפּט זיך ווידער דער טורמע-נאַטשאַלניק און גיט אַ געשריי אין צעטומלעניש צום „סודעבנעם סלעדאָוואַטעל״, וואָס גייט מיט אים ביים האַנט:

מאָלטשי, קאַנאַליע...

VII

עס טרעפט, אַז פאַר דער תּליה איז מען אויפגערעגט, צעבראָכן, מען וויינט אין אַ היסטעריע. עס טרעפט אויך פאַרקערט, אַז מען איז גראָב, מען שילט, מען זידלט, מען רעדט עזות, מען ווערט זיך, מען כאַפּט זיך שלאָגן ...

הירשקע איז אָבער אַרויף אויף דער תּליה אָט אַזוי-זיך — גלייך אַרויף, ווי מען כאַפּט זיך אַרויף, כּדי באַלד אַראָפּצוגיין — ער איז אַרויף רואיק, מיט אַ לייכט שמייכעלע אפילו, אָט אַזוי איז ער געגאַנגען שטאַרבן. קיינער ווייס נישט, וואָס האָט הירש-געמיינט מיט דעם, וואָס ער האָט שוין ביי דער תּליה אויסגע-טאָן דעם היטל, אַבי ער האָט אַזוי געטאָן. ער איז געבליבן שטיין מיט די קורצע, שטייף-שטייענדיקע האָר, וואָס אויף זיין קורצן שטערן, מיט די קליינע וואָנסעלעך אויף זיינע ליפּן און מיט אַ פּאָר אָפענע, פאַרעקשנטע אויגן.

געוויינלעך, דאַרף מען אַ מענטשן, וואָס גייט אויף דער תּליה, פאַרבינדן די אויגן — דאָס איז דאָך אַ אומבאַדינגטער אַקט פון רחמנות, מענטשליכקייט און פרומקייט. זאָל דער מענטש ניט זען מיט זיינע אייגענע אויגן דעם טויט, זאָל ער ניט זען די שטריק, וועלכע דאַרף זיך צעניפּציען אויף זיין גאָרגל. איז טאַקע צוגעקומען דער תּלין מיט אַ היפּשער טוך און זיך גע-וואָלט נעמען פאַרבינדן מיט איר הירשקעס אויגן. הירשקע האָט עס דערזען, ער איז אפילו אין דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן געווען ביים זינען און פאַרשטאַנען, וואָס מען גייט אים טאָן. ער האָט עס נישט געוואָלט, ער האָט געוואָלט קוקן ביז דער לעצטער מינוט. ווי נאָר דער תּלין איז צו צו אים נאָענט און הירשקע האָט זיך געכאַפּט, וואָס ער מיינט, האָט ער אים אַ פעסטן זעץ געטאָן איבערן האַנט:

— אין דר'ערד מיט דיין טוך ...

און ער איז געבליבן שטיין מיט אָפענע אויגן און געקוקט פון בענקל אַראָפּ צו דעם צערודערטן געזעמל, וואָס איז דאָ געשטאַנען. זיינע בליקן האָבן זיך באַגעגנט מיט יענעם איינציקן

אָפּיציר, וואָס האָט געקוקט אויף אים מיט אויגן פון אַן איי־גענעם ...

נאָר הירשקע האָט געקוקט אַזוי לויפּנדיק, אַזוי לופּטיק־אַזוי פון דערהויבן און די אויגן זענען געוואָרן אַזעלכע אַוועק־שוועבנדיקע — ווי אַ געהיימער, אַוועקשווימענדיקער קלאַנג אין באַגינען.—

און אין דער דאָזיקער רגע איז געשען נאָר עפּעס אומ־געריכטעס: אַז מען דערזעט דאָס מען גייט אַרויפוואַרפן די פּעטליע אויפן קאָפּ, טוט מען זיך, געווייגלעך, אַ קער צוריק. הינטער זיך. אינסטינקטיוו. אָבער הירשקע האָט געטאָן אַ שפּרייז פאָראויס—אָט צו דער פּעטליע, צו די זעלנער מיט די ביקסן, גלייך פאָראויס:

— נאַט... הענגט... איך גיי צו אייך...

און אַז זיין קאָפּ האָט שוין געשטעקט אין דער פּעטליע, וועלכער איז געווען אַרומגעשמירט מיט זייף, כּדי עס זאָל זיך גליטשיקער צונויפציען די שטריק, האָט הירשקע אַ קוק געטאָן צו דעם מענטשן, וועלכער איז געשטאַנען אים צום נאָנטסטן— צום תּלין מיט די שטעכיקע, שיטערע וואָנסעלעך מיט די דאַרע הענט...

ער האָט געקוקט צו אים פריינטלעך און האָט אַפילו אַ שמייכל געטאָן. און אָט פונקט אין דער רגע איז ער דערשטיקט געוואָרן.

נידעריקער, צו דער ערד געבויגן איז געשטאַנען די ראָ־טע סאָלדאַטן מיט זייערע ביקסן. זיי זענען געווען צעווינטע־וועט, צעפלאָכטן. צעשראָקן:

— אָט געשטאָרבן...

— הענגט מיט די פיס אַראָפּ...

אין אינסטינקטיוו האָבן זיי זיך איבערגעצלמט פון אייגע־נער שרעק און פאַר הירשקעס וועגן.

געווען אַזאַ נאַכט

עס איז בײַנאַכט אין אַ פּאָליעסער קרייזשטאָט, וואָס ליגט צווישן „נאַפּאָלעאָנס בערג"—אַזוי הייסן די דאָרטיקע בערג, די שמועסער זענען צוויי עלטערע חברים, וואָס ציען זייער יחוס פון דעם „קליינעם בונד" און איינער שלאָגט איבער דעם, צווייטן מיט געשיכטעס וועגן דעם, וואָס אַמאָל איז געווען:

— עס איז אַזאַ נאַכט... אַ נאַכט אַזאַ געווען...

און איידער דער חבר איטשע האָט אָנגעהויבן ווייטער רעדן האָט ער זיך פּאַרקוקט ערגעץ ווייטער פון זיך און איבער זיין אומעטיקן פּנים האָט ליכטיק אַ שוועב-געטאָן אָט יענע נאַכט מיט דער לבנה און זיינע אויגן האָבן אַרויסגעלויכטן פון די צוויי טונקעלע הויט-און ביינערדיקע לעכער, ווי עס פלעגן לייכטן די שטורקאַצן ביי די אַמאָליקע מרגלים אונטער די ערדענע טעפּ.

„אַ נאַכט אַזאַ איז געווען".—

מאָרגן פרי האָט געדאַרפט זיין דער ערשטער מאַי. עס

וועׂרט הייס און ליכטיק אין קאָפּ פון דעם. אָט אַזוי ווי ביידע לאַנגע גאַסן פון שטאָט זאָלן ברענען אין אַ העלישן פייער, דעם „קליינעם בונד״ האָט מען געגעבן אַרבעט אויף האַלבער נאַכֿט: צעוואַרפן און צעקלעפּן איבער דער גאַנצער שטאָט די פּראָקלאַמאַציעס צום ערשטן מאַי. אייגנטלעך, נישט אַלעמען נאָר די צוויי בעסטע פון „קליינעם בונד״ — אָט-אים איטשען און אָט-אים פּייוולען.

זענען זיי ביידע אַרויס איינס ביינאַכֿט צוזאַמען מיט נאָך אַ חברל אין גאַס מיט געהיימע לאַנגע און דינע פּאַפּירן, די אָנגעפּיקעוועטע מיט קליינע אותיותלעך. אַ מאָדנע זאַך. עס איז נישט געווען קיין שפּור פון שרעק. עס האָט זיך געגאַנגען אין האַלבער נאַכֿט אַזוי גרינג, אַזוי פליענדיק. אינעווייניק אין די ביינער האָט געשפּילט. וואָס אין יענע פּאַפּירן איז געשטאַנען, געדענקט זיך שוין נישט, נאָר איין לאַנגע שוואַרצע שורה הענגט ווי דעמאָלסט שוין אַ יאָר צוואַנציק, פאַר די אויגן:

— פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך...

לכֿתחילה האָט ער גאָרנישט געקאָנט אַראָפּלאָזן אַ פּראָקלאַמאַציע אויף דער ערד. אַ שאָד. דאָס האַרץ און די הענט לאָזן נישט. אָנקלעפּן אויף די ווענט איז עפּעס אַנדערש, דאָס איז גוט. האָבן זיי געקלעפּט וואַנט אין וואַנט, וואַנט אין וואַנט, אין דער גאַנצער גאַס. און אויף דער גאַס איז געווען שטילע און בלויע האַלבע נאַכֿט. קיין לעבעדיקער נפש איז נישט געווען.

— איך געדענק — דערציילט איטשקע — אַז איך האָב זיך אַ קער-געטאָן הינטער זיך און דערזען-אַזוי אַלע ווענט פאַרקלעפּט אַזוי אין דער שטילער, אין האַלבער לבנהדיקער נאַכֿט, אָט ווי פון אַלע ווענט קוקן אַראָפּ די פּראָקלאַמאַציעס, האָב איך געמיינט, אַז דער טייוול נעמט מיך!...

איצט איז געבליבן, אַז מען כֿאַפּט זיך אַראָפּ אין פּאָליציי-געסל, גראָד דאָרטן, אָט-אַקוראַט, ווי מען קוקט אַראָפּ אין אַ טיפן און אין אַ קאַלטן ברונעם — עס שרעקט און עס ווילט זיך קוקן. זענען זיי אַזוי-אַראָפּ מיט די פּראָקלאַמאַציעס אין דעם פּאָליצייגעסל. געגאַנגען אין דער שטיל, אָן אַ זייט, ביז זיי זענען אַזוי צוגעקומען צום בריקל פון פּאָליצייהויז.

און אויפן בריקל איז געזעסן „אַנטאָש המן“, אַזוי האָט מען גערופן דעם גרעסטן, שטאַרקסטן און ערגסטן „סטאַרשי גאָראָדאָוואָי“ פון שטאָט. ער איז געווען אַ גבור — אַ הויכער, אַ גראָבער און אַ שלעגער. קינד-און-קייט האָט אים געקענט. פאַר דער גאַנצער שטאָט איז „אַנטאָש המן“ דער פּאָניע געווען: — רוסלאַנד... — אָט דאָס איז דאָס.

צוערשט האָבן זיך די קליינע בונדיסטן געוואָלט צוריק, נאָר ער, איטשקע, האָט עפּעס באַמערקט און ער האָט זיך שטיל אָפּגערופן צו פייוולען:

— המן כראָפּעט...

איטשע האָט זיך איינגעשטעלט און זיך צוגערוקט צום הילצערנעם בריקל. ער האָט גלייך דערשפּירט, אַז נישט נאָר המן כראָפּעט, נאָר המן איז אויך שכור. דאָ האָט ער זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט: קודם האָט ער אָנגעקלעפּט אויף אַנטאָשס איינגעבויגענער פּלייצע איין פּראָקלאַמאַציע, נאָכדעם — נאָך איינע, נאָכדעם — נאָך איינע — די פּלייצע איז גענוג ברייט און גרויס געווען. נאָכדעם האָט ער אָנגעקלעפּט אויף דער טיר פון פּאָליציי. נאָכדעם אויף דער אַנדערער טיר. איז דאָס נאָך פאַר איטשען געווען ווייניק, ער האָט געוואָלט און געמוזט נאָך עפּעס טאָן. איז זיין אויג געפאַלן אויף אַנטאָש-המנס שווערד, האָט ער זיך דערמאָנט אָן זיין אייגן מעסערל און שנעל אָפּגעשניטן די לעדערנע פּאַסקעס און זיך אָפּגעטראָגן מיטן שווערד אַראָפּ-אַראָפּ און אַרויס פון געסל.

— וואָס ווילסטו טאָן מיט דער שווערד?... — איז פייווקע נאָך אים נאָכגעלאָפן.

איטשקע האָט אַליין נישט געוווסט, וואָס ער וועט טאָן מיטן שווערד, נאָר בשעת מעשה איז עס געווען אַ ווילד-גרויסער גליק.

— און עס איז נאָך נישט געענדיקט... — שלאָגט אים איבער פייוול. — געענדיקט האָט זיך מיט דעם שטאָט-זייגער.

פייווקע איז דעמאָלסט געווען אַ לערניינגל ביי אַ שלאָסער און ער האָט זיך אויסגעלערנט צו מאַכן אַזאַ אייזן מיט אַ

האַטשיק, וואָס אויב מען וועט אים אַרויפזעצן ערגעץ וועט מען שוין נישט קאָנען אַראָפּנעמען. נו, האָט מען נאָך געמומען אַ רויטן לייוונט מיט דעם אייזערנעם האַטשיק. פּייוקע איז געווען אַ גוטער קריכער, איז ער אַרויפגעקראָכן אויפן שטאָט-זייגער, וואָס אויפן מיטן מאַרק. און דאָרט פאַרוואָרפן דעם האַטשיק אַזוי אַז ער איז אויסגעקומען אויפן סאַמע שפּיץ און דער פאָן איז געבליבן הענגען.

אוי, ברודער...— דערמאָנט זיך פּייוקע — אַט אַזוי געדענק איך נאָך דעם סאַמע מיטן נאַכט, ווי איך רייט אויפן שפּיץ שטאָט-זייגער מיט דער רויטער פאָן... אוי ברודער, עס ברענט אין די ביינער...

טרעפט אַמאָל דאָס מיר זעען אַ לייכט פון שטערן, וואָס איז שוין היינט נישטאָ, וואָס האָט נאָך געלויכטן מיט טויזנט יאָר פריער, און ווייל די וועלט איז אומענדלעך-ווייט, דערגייט עס ערשט איצט צו אונז דער לייכט פון שטערן...

אַזוי האָט עס אַ לייכט-געטאָן איבער די צוויי חברים איטשע און פּייוול. אַ נאַכט אַזאַ, אַ לבנהדיקע נאַכט פון דעם „קליינעם בונד", פון דעם ערשטן מאַי — אַ לייכט-געטאָן:

— עס איז אַ נאַכט אַזאַ, אַ נאַכט אַזאַ געווען...

הערשעלע הויקער

I

הערשעלע שטעפּער איז געווען אַ ראַדאָמער. ער איז געווען אַ נידעריקער, דער קאָפּ אַריינגעוואַקסן אין די אַקסלען, מיט אַ קורץ און ברייט נעזל, מיט צוויי גרויסע אויגן, גרויס באַלד, ווי דער גאַנצער ליימיקער פּנים זיינער. ער האָט געשטאַמט פון אַ קליין שטעטל הינטער ראַדאָם — פון אַ דור קבצנים און אָרימע לייט. דער קאָפּ איז אים אַריינגעוואַקסן אין די אַקסלען, ווי דער שטעטלשער רופא האָט געזאָגט, ווייל ער איז קליינערהייט אַראָפּגעפאַלן פון די טרעפּ און געלעגן אַזוי אַ אויסגעדרייטער אונטער אַ טרעפּל אַ פּאָר שעה, ביז עמיצער האָט זיך צופעליק מרחם געווען:

— האַ, הערשעלע ליגט...

צו זיבן יאָר, אַ קליינינקער, אַ קאַרליקל, איז ער געבליבן אָן טאַטע מאַמע, אויף גאָטס באַראַט, אַ הונגעריקער, אָרימער פּרא-אדמל אויף דער וועלט. מען האָט זיך רק געחדושט, וואָס קיין שלאַק טרעפט אים נישט. אַרומגעריסן ליגט ער גאַנצע ווינטערס אין דרויסן און ער זאָל זיך עס אַמאָל צוקילן — גאָרנישט,

זי די וואַנט. זומער באָדט ער זיך גאַנצע טעג אין זומפּיקן טייכל הינטערן שטעטל, גייט אַרום אַזוי אַ קליינינקער, אַ נאַקע-טער מיט זיין פּעקל ביינער אויפן פּלייצע. גייט אַרום אַזוי אַ נאַקעטער אויפן גראָז ביים וואַסער, ווי ער וואָלט זיין דעם פּריצס זון.

אַליך האָט ער זיך אויסגעלערנט אַליין. ער האָט געהאַט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס און מייסטערדיקע הענט. אַריינקומענדיק אין תּלמוד-תּורה האָט ער זיך אויסגעלערנט דאַוונען גאָר אָן בין. פון זיך אַליין האָט ער זיך עפּעס אויסגעלערנט פאַרריכטן זייגערלעך. מען האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט קענען אויפשטעלן אַ זייגער, וואָס זאָל גיין אַ האַלב יאָר. איינמאָל אַזוי, נישט-דיר נישט-מיר, האָט מען שוין אים געזעען ביי לאָזורן דעם שטע-פּער, און ער שטעפּט אויף דער מאַשינע — שטעפּט ווי אַ מאַדים.

— הערשעלע איז שוין אַ בעל-מלאָכה...

און ער האָט ביי קיינעם נישט געפרעגט און קיינעם נישט דערציילט. אָט אַזוי. אַפילו אָן אַ הילצערן קעסטל, ווי ער שטייט און גייט, איז ער אַוועק צום באַן און אַריינגעקומען קיין ראַדאָם.

— נישקשה, מען ווערט נישט פאַרפאַלן...

און אַזוי איז ער שפּעטער אויך אַרויפגעקומען אויף דער בונדישער „בירזע”.

II

אין אַ פאַבריק האָט ער געאַרבעט פון צען אַרבעטער. אַ קאָפּ האָט ער געהאַט, און אַ איינשטעלער איז ער אויך. ער האָט געשוויגן. ער האָט זיך רק צוגעהערט. אַ מענטש אַ קליינינ-קער,—מישט זיך נישט. ער הערט זיך איין שטיל, וואָס אַנדערע רעדן. לכתּחילה האָט ער גאָרנישט פאַרשטאַנען. אַרומגעזוכט און אַרומגעהערט מיט די גרויסע אויגן אויף דעם ליימיקן פּנים, ווי עס לויפט אַרום אַ קאַץ דערשפּירנדיק מייז...

— האָ?... וואָס רעדט מען עפּעס?

— וואָס טוט זיך עפּעס אויף דער וועלט?...

אויף דער „בירזע" איז אַלע טאָג אַ געפּלאַטער, עס רו־דערט. וואָס שטייען דאָ, וואָס טוען דאָ די מענטשן?

— פּראָלעטאַריאַט... פּראָלעטאַריאַט...

ס'ארא מאָדנע קלאַפּנדיק און שוואַרץ־שטאָלן וואָרט. ער, הערשעלע, איז אויך פּראָלעטאַריאַט. זויגט מען דאָס בלוט פון פּראָלעטאַריאַט. ריכטיק. זיין בלוט זויגט מען אויך.

— א, א, זויגן זיי, אָט די מיט די פּעמפּעקעס...

זיינע גרויסע אויגן מיט דעם שיין פון אַ דערשלאָגענעם הונט שפּירן אַרום און אַרום און וויגן זיך, ווי אויף הוזש־דאַווקעס.

מיט זיין הייזעריק קויל האָט זיך אַמאָל הערשעלע צעזונ־גען ביים וואַרשטאַט אומגעריכטערהייט:

אין געזאַלצענעם ים פון מענטשלעכע טרערן

גיפינט זיך אַ יידישע טרער...

דער גאַנצער וואַרשטאַט האָט זיך איינגעהערט, ווי הער־שעלע זינגט הייזעריק און מיט געפיל.

III

נאָכדעם איז שוין געגאַנגען דער וועג באַרג אַרויף.

אויף אים, אויף הערשעלען, קאָן מען זיך פאַרלאָזן. אַגב. קאָן מען אויך זיין האָרבעוואַטע פּלייצע אויסנוצן.

מ'קאָן אים אַרומפּאַקן, אַרומבינדן מיט פּראָקלאַמאַציעס און שיקן אים פונאַנדערצופירן איבער ראַדאָמער ראַיאָן. ווער וועט זיך אומקוקן אויף אַ קליין אָרים, איינגעהויקערט מענטשל, וואָס זעט אויס לויטן וווקס, ווי אַ יינגל, און האָט אַ פּנים פון אַ על־טערן יידן אָן אַ באָרד?...

האָט ער זיך אַזוי כסדר אַרומגעוואַלגערט אויף האַרטע בענק אין האַלב באַלויכטענע וואַגאָנען.

אין זיין געבויגן און דערשלאָגן לעבן איז אַריינגעקומען אַ גוואַלטיקע ווילדקייט.

וואָס שפּילט שוין פאַר אַ ראָל דאָס קליינגעוויקסיקייט זיינס, דאָס קבצנדל פון זיין לעבן, זיין ליימיקער פּנים — וואָס פאַר אַ ראָל שפּילט עס שוין, אַז ער טראָגט אין זיך אַזאַ געפערלעכן ערנסט?

ער פירט ליטעראַטור אין ראַדאָמער ראַיאָן...

— ער פאָרט אין וואַרשע אַריין...

מען האָט אויף דער „בירזע" געוווסט. אַז הערשעלע איז זייער ווילדטיק, וואָס און ווען האָט קיין בן-אדם נישט געוווסט.

— קאָנספּיראַציע...

הערשל איז געגאַנגען באַרג אַרויף.

IV

בײַ ער איז טאָקע אין אַ ווייטן מקום אַריינגעפאַלן — אין דער גרויסער ראָמזער טורמע.

מען האָט אים פאַרכאַפּט מיט אַלץ און מיט אַלעמען. און דאָס מאָל האָט אים זיין קליין-וווקס געטון אַ גוואַלטיקע רעה.

דורכן פענסטער האָט מען נאָך געקענט אַרויסגיין און — אַוועק. אָבער, אַז מען זאָל עס מאַכן פליינק, איינס און צוויי און — נישטאָ. איז אים אָבער צוליב זיין קאַליקער פלייצע שווער געוועזן זיך אויפצוהויבן אויפן פענסטער. האָט ער זיך אָנגעהויבן דראַפּען, דראַפּען, קוים-קוים אַרויפגעשלעפּט, אַרויפגעלייגט אַן האַלבן בויך זיינעם אויפן פענסטער און שווער געסאָפּעט, און אויסגעסטאַרטשעט די גרויסע, דערשלאָגענע אויגן פון זיין ליימיקן פּנים אַרויס. און אין דער רגע האָבן אים די „מענטעס" געפאַקט.

— האַ, טי הארבולטשיק, שוין לאַנג זוכן מיר דיר בונטאָווטשיק, הינטישער זון...

אַזוי איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ שטיינערנעם זאַק — אין אַ איינצל-קאַמער פון דער גרויסער גובערנסקער ראָמזער טורמע.

V

מען האָט אָבער אָנגעהויבן אים צו מוטשען.

אונטן, דאָרטן, ווו די זשאַנדאַרן זיצן, האָט מען אים צוויי־מאָל געשלאָגן, ביז מען האָט פון זיין האַלז אַרויסגעשלאָגן בלוט.

— זאָג אויס... גיב אַרויס...

אָבער—רעדט צו דער וואַנט. הערשעלע האָט געשוויגן, ווי אַ דאַרער, שפּיציקער שטיין. ביי אים וועט מען גאָר נישט וויסן. פלעגט מען אָנהויבן שלאָגן, האָט ער זיך אויפגעקנוילט אַ קליינינקער. ווי ער איז, ביים וואַנט, און — טוט וואָס איר ווילט.

האָט ער זיך אַ דערשלאָגענער אומגעוואַלגערט אויף זיין נאַרע, ביז ער איז געקומען צו זיך.

און אַז ער איז געקומען צו זיך, האָט ער אַזוי געצויגן זיין ליימיקן לענגלעכן פּנים מיט דער קורצער און ברייטער נאָז צו דעם פאַרקראַטעוועטן פענסטער—

— דאָרט צו דער בירזע...

— האַלטן סוד, ווי דער קבר...

אַזוי איז אים אין זכרון געקומען ידאָס, וואָס ער האָט מיט חדשים צוריק געלייענט אין אַ דין-ביכעלע ער האָט גע-לייענט וועגן דעם, אַז רעוואָלוציאָנערן אין טורמע דאַרפן נישט ענטפערן אויף „דאָפּראָסן״ און „דאַרפן אַרויסווייזן אַ ווידעשטאַנד״. איז דאָס אים אַצינד געקומען אין זכרון:

— „מ׳דאַרף אַרויסווייזן אַ ווידערשטאַנד״...

און גראַדע האָט זיך געמאַכט, אַז דער גובערנאַטאָר אַליין איז געגאַנגען אויף אַ רעוויזיע אין די טורמע-קאַמערן. איז ער מיט אַ גאַנצע סוויטע אויך אַריינגעקומען צו הערשעלען אין קאַמער.

— אויפשטיין!...—האָט באַפוילן, דער טורמע נאַטשאַלניק. הערשעלע איז געזעסן אויף דער נאַרע מיטן היטל אויפן

קאָפּ און — רעדט צום לאָמפּ. ער זיצט און רירט זיך נישט פון אָרט.

— אויפשטיין!... „טשעסט" דעם גובערנאַטאָר...

הערשעלע זיצט און שמייכלט צו זיך אַליין

אונטער דעם דיקן בייכיקן גובערנאַטאָר האָט עס געזידט. גאַליקער שוים האָט פּאָניש געשלאָגן אים אין מאַרך אַריין, ער האָט געסאפּעט, געבלאָזן מיט דער גרויסער נאָז, די הענט האָבן זיך געקנוילט, עס איז פול געווען מיט גובערנאַטאָר און מיט רציחה און מיט רוגזה פון סטעליע ביז דער טיר. די גאַנצע חברה, זשאַנדאַרמסקע משרתים, איז געשפּרונגען פון הויט...

— שטעל זיך, מערזאַוועץ, בונטאָווטשיק...

און הערשעלע איז געזעסן, די פיס הינטער זיך, מיטן היטל אויפן קאָפּ און געשמייכלט מיט אַזאַ פיינעם בטול, מיט אַזאַ אויסגעלייטערט שמייכעלע.

— צום דאַשעק!...

דער גובערנאַטאָר איז אַרויס און צוגעקלאַפּט מיט דער טיר.

די שטראָף איז געקומען נאָכדעם. די טורמע־זשאַנדאַרן זענען געקומען נאָך נקמה, מען האָט הערשעלען געשלאָגן, אונטערגעהאַקט די זייטן, אַריינגעוואָרפן אין פינסטערן קאַרצער, געטראטן מיט די פיס. הערשעלע איז געלעגן טויט אויף איין זייט — נאַט אייך די רעכטע זייט און טוט מיט איר, וואָס איר ווילט... שלאָגט, הרגעט, טוט. —

אַ פאַרחלשטן האָבן זיי אים געלאָזן ליגן.

דריי טעג איז ער געלעגן אין קאַרצער. צוויי טעפּ האָט מען אים אַריינגעגעבן. אַ טאָפּ אויף שמוץ און אַ טאָפּ — וואַסער צום טרינקען. הערשעלע האָט דריי טעג געשלעפּט זיך אויפן בויך און געשמעקט פון די טעפּ מיט זיין ברייטער ליימיקער נאָז, כדי צו וויסן פון וועלכן טאָפּ צו טרינקען...

VI

ער איז שוין ווידער געלעגן אין זיין טורמע־קאַמער. ווי־דער אויף דער נאַרע.

די מייז, וואָס זענען אומגעלאָפן ביינאַכט איבער דער פּאָדלאָגע, האָבן אים געבראַכט צום רעיון, אַז ערגעץ מוז זיין אַ נאָרע פון וואַנען זיי קריכן אַרויס, און פון ערגעץ־ווו קומען זיי דאָך, מוז די נאָרע פירן ערגעץ ווייטער...

האָט ער אָנגעהויבן אַרומזוכן, אַרומקוקן מיט זיינע גרויסע אויגן, קוקן אין די ווינקלעך, ביים אויוון, ביים טיר.

נישטאָ גאָרנישט.

— פון וואַנען קומען זשע די מייז?..

ביז איינמאָל ביינאַכט האָט ער דערהערט, אַז אַ מויז דראַפּעט זיך אונטער זיין אייגענער נאַרע. ער איז אַרונטערגעקראָכן און זיך צוגעהערט מיטן גאַנצן גוף זיינעם.

יאָ, אונטער דער נאַרע איז די מוידישע לאָך.

הערשעלע האָט אָנגעהויבן מיט זיינע קליינע, קלעצלדיקע פינגער צו גראַבלען, בויערן און לעכערן אין דער מויזן־לאָך. הגם ער איז שוין אַ דערוואַקסענער מענטש, נאָר ער האָט יעדע רגע מורא געהאַט, אַז אָט קריכט אונטער אַ מויז און בייסט אים אין זיין דאַרע האַנט. ער האָט אַזוי געגראַבלט עטלעכע טעג.

מאַכן האָט ער עס געמוזט נאָר אין מיטן נאַכט, בשעת ער איז געווען זיכער, אַז דער וועכטער קוקט נישט אַריין אין דעם וועלפישן לעכל פון זיין טיר. אין די טעג האָט ער זיך קוים דערוואַרט אויף דער נאַכט. — ער זאָל קאָנען אַרונטערקריכן אונטערן נאָרע און אויסגעטאָן, אַ נאַקעטער, אין דער לאַנגער העמד איבער זיין קליינעם, קורצן האָרבאַטן גוף, גראָבן דאָרטן אונטערן וואַנט...

— אפשר וועט ער ערגעץ דערגיין...

ער האָט זיינס דערגרייכט. ער האָט מיט זיינע פינגער און נעגל דערשפּירט די פּאָדלאָגע פון דער צווייטער קאַמער.

ער האָט אַריינגעשטופּט די האַנט ביזן אָרעם און האָט אָנגעקלאַפּט:

— טיק... טיק... טיק...

יענער פון צווייטן צימער האָט זיך צוגעהערט.

— טיק... טיק... טיק...

יענער פון צווייטן צימער ווייס נישט פון וואַנען עס קומט דאָס קלאַפּן.

האָט הערשעלע צוריק אַרויסגעצויגן די האַנט און האָט אַריינגערעדט אין דער מויזן-לאָך:

— וו-ע-ר א-י-ז דאָר-טן — —?

— איך, יהודה?..— האָט יענער געענטפערט פון צווייטן עלנדן איינצל צימער.

— און דאָ איז הערשעלע...

VII

אַלע נאַכט קריכן זיי אונטער די נאַרעס און שטעקן אַריין פוןביידע זייטן די מיילער אין דער מויזן-לאָך און שמועסן איי-נער מיטן אַנדערן.

יהודה דער לערער מיט הערשעלען.

הערשעלע איז צופרידן. וואָס ער איז איינגעהויקערט פון הינטן און נישט פון פאָרנט. אַזוי וואָלט ער נישט קאָנען ליגן אויפן האַרצן און רעדן — דאָס מויל וואָלט געוויס נישט דער-גאַנגען צו דער מויזן-לאָך. ליגן אויף אַ זייט וואָלט נישט טויגן. אַזוי אָבער ליגט ער אויפן בויך און רעדט, און רעדט.

מער נישט ער סאפעט שטאַרק.

און אין דער מויזן-לאָך, אונטערן בעט רעדט מען וועגן פּראָלעטאַריאַט, וועגן רעוואָלוציע, וועגן דער גרויסער גערעכטער זאַך...

מיט אַ זאַק איבערן קאָפּ

I

— אַ שונא, אַ פּראָוואָקאַטאָר — אַ זאַק איבערן קאָפּ... — האָט פאַרעקשנט און שטייף אַרויסגעזאָגט דער גרוי־קאָפּיקער חבר, וואָס האָט דערציילט די מעשה — אַזוי דאַרף מען, אַ זאַק איבערן קאָפּ...

און די מעשה איז דעמאָלסט געווען אַזאַ:

ביי דעם „קליינעם בונד" איז געפאַלן דער חשד, אַז חיים דער שוואַרצער איז אַ שפּיאָן. דער חשד האָט זיך גענומען פון דעם קליינעם יאָסעלע.

לכתחילה האָט מען עס נישט געגלויבט. חיים דער שוואַר־צער איז דאָך געווען אַ גאַנצער טוער. אָבער יאָסעלע האָט מיט די קליינע פויסטלעך געשוווירן און געוואָרפן מיט זיי אַהין און צוריק, ווי אין זיי וואָלט עפּעס אַריין אַ בייזער רוח. —

דער קליינער יאָסעלע איז געווען אַ פאַרביטערטער, אַ פאַרעקשנטער און געוואָלט יעדע זאַך דערגרונטעווען. האָט ער איצט אָנגעהויבן נאָכקוקן חיים דעם שוואַרצן.

האָט יאָסעלע דער קליינער נאָכדעם איינמאָל אַליין געזען,

ווי אַזוי איינער אַ דאַרער שייגעץ איז אַריין צו חיים ז
שוואַרצן אויף דער וווינונג, אָפּגעוועזן דאָרטן נאָר אַ פּאָר מינו
און גלייך נאָכדעם אַרויס, זיך אַרומגעקוקט, און נאָכדעם גלייך
אַוועק אין פּאָליציי אַריין. —

דאַרף מען האָבן נאָך ראיות און סמנים? —

נאָכדעם האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן צווישן די בונדיסטן
ביי איינעם האָט מען אַפילו געפונען אַ „שפּייער". עס איז אָנ
געקומען אַ פּעקל פּראָקלאַמאַציעס און גלייך דעמזעלביקן אָוונט
האָט מען עס געכאַפּט און אַרעסטירט די חברטע דאָבטשע די
זאַקנמאַכערקע. יאָסל איז געווען זיכער, אַז דאָס האָבן אָפּגעטאָן
חיים דער שוואַרצער מיט יענעם הויכן און דאַרן שייגעץ. אַלע
גרויסע בונדיסטן האָבן זיך שוין אויך וועגן דעם געשושקעט. —
נאָכדעם איז געקומען דער לעצטער באַוויז.

מען האָט אַרעסטירט חיים דעם שוואַרצן גופא. די בונ
דיסטן האָבן גערעדט, אַז דאָס האָט מען אים אַרעסטירט, כדי
אָפּצוּוואַשן די חשדים. ווען ער איז שוין געווען אַרעסטירט, האָט
מען דעמאָלסט אַרעסטירט אַ צענדליק חברים, אינמיטן איז גע
קומען עמיצער און דערציילט, אַז ער ווייס גענוי פון המן דער
גאָראָדאָוואָי, אַז ביינאַכט זיצט גאָר חיים דער שוואַרצער ביי
דעם זשאַנדאַרמסקין אין שטוב. —

— איך וועל די זאַך געוויר ווערן... — האָט יאָסעלע גע
זאָגט, הגם ער איז געווען פון זשאַנדאַרמסקין זייער ווייט און
זייער הויך.

האָט ער זיך אַוועקגעלייגט לויערן ביי דעם זשאַנדאַרמ
סקיס הויף. עטלעכע אָוונטן איז שטיל געווען. חיים דער שוואַר
צער איז נישט געווען. איינמאָל אַ זייגער צוועלף ביינאַכט איז
צוגעפאָרן אַ פאַרמאַכטע קאַרעטקע, עמיצער איז אַראָפּ —

יאָ, דאָס איז ער, חיים, חיים דער שוואַרצער. —

דער קליינער יאָסעלע איז אַוועקגעלאָפן אָנזאָגן. באַלד איז
יאָסעלע צוריקגעקומען מיט נאָך צוויי חברים פון דעם קליינע
בונד.

זיי האָבן לאַנג געוואַרט. עס איז שוין געווען ווייט אין נאַכט, מען האָט אָבער געוואַרט.

ערשט זיי האָבן דערהערט, ווי עס קלאַפּן טירן, טריט, ט געלעכטער און —

חיים גייט צוריק צו דער קאַרעטקע...

II

אַז מען האָט אַרויסגעלאָזן חיים דעם שוואַרצן אויף דער פריי און ער האָט זיך ווידער באַוויזן צווישן די חברים, האָבן שוין די פאָרשטייער געוווּסט, אַז מיט חיימען וועט מען שוין מאַכן אַ סוף...

אויסגעקליבן האָט מען אויף דעם אַ ווינטערדיקן, פינצטערן שבתצונאַכטס. דער פּלאַן איז געווען אַזאַ: דער קליינער יאָסעלע זאָל אַריינקומען צו חיים דעם שוואַרצן און אים זאָגן אַזוי:

— מען האָט אייך געשיקט רופן פון מיל...

די מיל שטייט אויף יענער זייט טייך, איבער דער בריק. דאָרט איז פּוסט און דאָרט איז די לאָנקע. דאָרט זאָל מען אים אָפּוואַרטן —

דער קליינער יאָסעלע האָט אַראָפּגערוקט אין יענעם שבת־צונאַכטס זיין היטל איבערן קאָפּ, געפּילט, אַז ער גייט מלחמה האַלטן מיט זייער אַ גרויסן און זייער אימהדיקן שונא.

איז ער געקומען און געזאָגט:

— מען האָט אייך געלאָזט רופן פון מיל...

חיים דער שוואַרצער האָט גאָרנישט געטראַכט און איז געגאַנגען. געגאַנגען איז ער צוזאַמען מיט דעם קליינעם יאָסל.

אַז מען איז געגאַנגען אויף דער בריק און פונדערווייטנס האָט זיך שוין געזען די פינצטערע לאָנקע, וווּ דאָרט אין איר ווינקל שטייט די מיל ביים וואַסער, האָט יאָסל געציטערט. ער

האָט געשוויגן און קיין וואָרט נישט גערעדט. ער האָט געמיינט אַז ער זעט שוין די שאָטנס פֿון מענטשן אין לאָנקע. — אָט — אָט ווערן זיי נענטער. —
שוין.
דריי מענטשן זענען שוין געווען אַרום. גדליהקע דער איינבינדער האָט אַרויפגעזעצט דעם זאַק איבערן קאָפּ. עס איז געווען אַ געראַנגל, אַ סאָפּן, אין דער פֿינצטער האָט זיך עפּעס געשטיקט, געוואָרגן. עמעץ האָט געוואָרפֿן צו יאָסלען:
— דו לויף אין שטאָט אַריי...
יאָסל איז געלאָפֿן מיט אַלע זיינע כּחות. ער האָט אָבער געפֿילט, ווי הינטער זיין פּלייצע ראַנגלט און פּלאָנטערט זיך גדליהקע איינבינדער מיט חיים דעם שוואַרצן און גדליהקע שי־פּעט איבער דעם שוואַרצן זאַק.
פֿאַרשטייט זיך, אַז אויף מאָרגן האָט מען אויף דער לאָנ־קע אונטערן זאַק געפֿונען חיים דעם שוואַרצן. איבערן גאַנצן שטאָט איז דורכגעגאַנגען אַ משונהדיקער ציטער, קינד און קייט האָבן גערעדט.
— דערשטאָכן...
— מיט אַ זאַק איבערן קאָפּ...

III

מען האָט געזוכט און מען האָט געפֿונען נאָר צוויי: גדליהקע דעם איינבינדער און יאָסעלע דעם קליינעם. גדליהקען האָט עמיצער געזען גייענדיק צום פֿעלד אין יענעם אָוונט און יאָסעלען האָט מען געזען גייענדיק מיט חיים דעם שוואַרצן.
— מיר האָבן ביידע געשוויגן... — דערציילט ער איצט מיטן אַלטן קאָפּ — מיר זענען געווען פֿרעמד צווישן זיך. מיר האָבן זיך נישט געקענט, ביז מען האָט אונדז אָנגעהויבן פֿירן אויף סיבירער וועגן... האָט מען מיך אַוועקגעפֿירט צו זעכצן יאָר... אין סיביר אַריין... — און ער ענדיקט אַזוי:
— און איך בלייב ביי מיינס: אַ שונא... — מיטן זאַק אי־בערן קאָפּ... מיטן זאַק...

צווײ קיטלעך

I

- זעט אָט די פאָטאָגראַפיע... — האָט זיך אָנגערופן די באַלעבאָסטע פון דער נידריגער בוידעם-דירה — זעט אָט די פאָטאָגראַפיע.....

זי האָט פון איר אַלטן הילצערנעם קופערט״, אין וועלכן די באָבע האָט נאָך געהאַלטן אויסשטייערן, אַרויסגענומען אַ פאַר־וויקלט פעקל, אָפּגעבונדן דעם דינעם שנירל, אַרויסגענומען פון דאָרטן אַ פאָטאָגראַפיע-בילדל און עס צוגעטראָגן:

— דאָ וועט איר זיי זען...

ביי דער מיטליאָריגער באַלעבאָסטע פון דער בוידעם-דירה האָט אָנגעהויבן צו גלאַנצן דאָס פנים, די אויגן און דער שמייכל פון די אויגן זענען געוואָרן יונגער, און אַ האַלב געזיכט האָט זיך פאַררויטלט, און פון זיך אַליין האָבן זיך די טונקל-בלאָנדע האָר צעוואָרפן איבערן שטערן. —

— אָט דאָס איז ער...

אויף דעם פאָטאָגראַפישן בילדל זענען געווען צוויי. איינער מיט אַ בלאָנד בערדל, מיט ווייך אַראָפּגעלאָזטע האָר ביי דער

וייט פון געזיכט, מיט האַלב-פאַרמאַכטע פרומע און ערליכע אויגן אין אַ שוואַרצער בלוזע צוגעוויקלט מיט אַ שנור. מיט אַ פּאָר בידעריגע, ווייכע שטיוול אויף די פיס. דער צווייטער איז געווען נאָך גאָר אַ יונגער — אַ יונגל פון אַ יאָר זיבעצן. אין אַ גרוי כאַלאַט, מיט אַ לענגלעך-סמוגלען פנים פון אַ יונגער נזירות, מיט אַ מסירת-נפש אין האַלב-איינגעבויגענער פּלייצע, מיט א דבקות און עקשנות איןביידע אָפענע אויגן.

די באַלעבאָסטע האָט פאַרכאַפּט אָטעם, עס איז איר הייס געווען אין קול און זי האָט געוויזן אויפן יונג-בחורל:

— אָט דאָס איז ער, דער יונגער, מיין ברודער...

און זיי ביידע, סיי דער עלטערער און סיי דער יונגערער האָבן געהאַט קליינע אַרעסטאַנטן-קייטלעך אויף זייערע פיס.—

— מיט קייטן...

און פון אונטערן בילד אַ אויפשריפט פון פאָטאָגראַפיסט: פאָטאָגראַפיע גרעטשאַניקאָוו, יאַקוטסק.

עס האָט אַ וויי-געטאָן פון די וועגן פון דער לעגענדע. עס האָט אַ פלאַטער-געטאָן פאַרן האַרץ: סיביר... און אין דער שטילקייט פון בוידעם-שטיבל האָט זיך אויסגעלייגט אַ שטומער ווידערקול פון צוויי קייטלעך, וואָס קלינגען אויף די פיס.

— דאָס איז ער, בענצל...

II

דאָס איז געווען שוין מיט צוויי צענדליג יאָר צוריק אין דער וועבער-שטאָט הינטער לאָדז.

יענער מיט'ן בלאָנדן בערדל און מיט די בידעריגע ווייכע שטיוועלעך אויף די פיס האָט געהייסן חבר סערגיי. געקומען איז ער אין שטאָט אַראָפּ פון דערוויייט מיט אַ קוויטעלע און אַן אָנזאָג, אַז ער דאַרף דאָ פאַרבלייבן. —

— סערגיי פון בונד...

אַ שטימע האָט געהאַט דער דאָזיגער סערגיי אַ ווייכע און גלאַט-סאַמעטענע. ער פלעגט רעדן שטיל און טיף אַזוי אין האַרץ

אַריין, און מיטביידע אויגן קוקן ערגעץ ווייטער פון דעם מיט וועמען ער רעדט. —

דער דאָזיגער סערגיי האָט זיך נאָכדעם אָפּגערוקט אָן אַ זייט פון אַלץ און פון אַלעמען. מען האָט זיך געחדושט הלמאַי זעט מען אים ניט — ניט אויף די פאַבריקן, ניט אויף די פאַרזאַמלונגען. זעלטן-ווען מען באַגעגנט אים אין גאַס.

עס האָבן זיך צווישן די בונדיסטן אַרומגעטראָגן פאַרשידענע סודות׳דיגע קלאַנגען וועגן דעמדאָזיגן בלאָנד-באָרדיגן סערגיי. מען האָט זיך דערציילט וועגן ווילד-משונה׳דיגע פּלענער, וואָס ער אַרבייט דאָרטן אויס וועגן די מיניסטאָרן און דעם קייסער און דעם גובערנאַטאָר. מען האָט אויך גאָר גערעדט, אַז ער האָט גאָר חרטה געהאַט אויף אַלע זיינע פריערדיגע מעשים, איז געוואָרן אַ בעל-תשובה און ער לערנט גאָר גמרא ביי זיך אין שטוב און זאָגט תהלים. און קיינער ווייס ניט פון וועמען עס שטאַמען די אַלע קלאַנגען. —

מער ניט מען האָט געוואוסט, אַז דער קליינער זעכצן-יאָריגער בענצל גייט צו אים אַלע טאָג אין שטוב אַריין.

— וואָס טוסטו דאָרטן, בענצל, ביי אים?

— איך העלף דאָרט אים אין שטוב... ער וואוינט דאָך אַליין...

— און וואָס נאָך טוסטו דאָרטן?

— מער גאָרניט. גיי פאַר אים אַ גאַנג.

— און וועגן וואָס רעדט ער מיט דיר?

— וועגן קיין זאַך ניט...

נאָר די יונגע אויגן פון שוואַרצהאָריגן אינגלישן בענצל האָבן עפּעס פאַרשטעלט הינטער זיך און אַלע האָבן באַמערקט אַז די דאָזיגע אויגן ווייסן עפּעס, וואָס דאָס מויל וויל ניט דערציילן. —

III

עס איז געווען אַן איינפאַכער זומערדיגער טאָג, ווען די גאַנצע שטאָט האָט אויפגעקאָכט.

אומגעריכט, פלוצלינג איז דאָס אַלץ פאָרגעקומען.

— פּאָליציי האָט געפּאַקט אַ דרוק און אין טורמע אַוועק־געפירט אים, סערגייען, מיט דעם קליינעם בענצל.—

פאָרגעקומען איז דאָס, אייגנטליך, אַזוי:

אַ זייגער איינס בײַנאַכט איז פּאָליציי צוגעקומען צום הויז, דאָס קליינע געהיימע דרוקל האָט שוין ניט געאַרבייט. סערגיי איז געזעסן ביים טיש און געגעסן אָונט־ברויט. בענצל האָט גע־קנייטשט די פּאַפּירן, וואָס זענען נאָך פייכט געווען פון דרוק. זיי ביידע האָבן דערהערט אַ פּאָליציי־גערודער אין מיטן דער נאַכט. אַנטלויפן קען מען ניט. געבליבן איז נאָר דאָס פענסטער פון צווייטן שטאָק. עס זאָל געלונגען קען מען געראַטעוועט ווערן. ביז פּאָליציי וועט אַרויפקומען קען נאָך אַוועקגיין אַ צענד־ליק מינוטן. דאָס גאַנצע ביסל שריפט, פּאַפּיר און וואַלצלעך האָט מען שנעל אַריינגעוואָרפן אין אַ זעקל. סערגיי בלייבט אין שטוב און בענצל שפּרינגט דורכ׳ן פענסטער מיטן זעקל:

— איינס, צוויי...

און בענצל איז אַראָפּגעשפּרונגען. ער איז געפאַלן און לכתחילה געמיינט, אַז ער האָט ביידע פיס צעבראָכן. אַזוי איז נישט געווען, אָבער אויפהויבן זיך האָט ער בשום אופן ניט גע־קענט. ער האָט געוואוסט, אַז אָט נאָך איין רגע איז אַלץ פאַר־פאַלן. פּרובירט ער, שטאַרקט זיך, אָבער די פיס זענען, ווי קלע־צער. האָט ער אויפ׳ן הויף אָנגעהויבן קריכן אויף אַלע פיר, גע־שלעפּט מיט זיך דאָס זעקל. געשלעפּט אין דער פינצטער מיט די לעצטע כּחות. זיך דערשלעפּט מיט דעם לעצטן אָטעם ביז צום גרוב אויפן הויף און דאָרטן דאָס זעקל אַריינגעוואָרפן. גע־פינען וועט מען שוין ניט.

מער רירן זיך פון אָרט האָט ער שוין ניט געקענט. אָבער אַ בלייבן ליגן טאָר מען נישט. דאָ ביים גרוב, וואו ער האָט די דרוק אַריינגעוואָרפן. האָט ער זיך ווידער געשלעפּט צוריק אויף אַלע פיר, אויפ׳ן בויך. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז די פיס זענען אים צעבראָכן אויף שטיקלעך. האָט ער זיך אַזוי

לאַנג געשלעפּט אויף אַלע פיר ביז ער איז געבליבן ליגן אין אַ פאַרגראָזט ווינקל און שוין — מער קריכן קען ער נישט.

און ער האָט אַזוי איינגעדרעמלט ליגנדיק אויפן הויף. — שפּעטער האָט די פּאָליציי געפונען סערגייען. נאָכדעם דעם קליינעם בענצל אויפן הויף אַ שלאָפנדיקן.

— וואָס טוסטו דאָ?

— אַזוי. איך שלאָף.

— הויב זיך אויף.

— איך קען ניט...

— וואו זענען די פּראָקלאַמאַציעס, דער דרוק?...

— איך ווייס נישט, וואָס איר רעדט...

און הגם מען האָט גאָרנישט געפונען, אויסער אַ ביסל פאַרב און גלאַט פּאַפּיר אין שטוב, האָט מען זיי ביידע אָפּגע־פירט אין טורמע. פון דאָרטן קיין לאָדז, פון לאָדז — אין סיביר.

די באַלעבאָסטע פון דער בוידעם־דירה איז דאָס די שוועס־טער פון דעמדאָזיגן שוואַרץ־האָריגן אינגלישן בענצל. זי האָט געהאַלטן אין אירע עלטערע הענט דאָס דאָזיגע בילדל, די אויגן זענען ליכטיקער געוואָרן, איר האַלב געזיכט האָט זיך פאַררויטלט און זי האָט גערעדט:

— זעט אָט די פאָטאָגראַפיע... די צוויי קייטלעך אויף די פיס... דאָט איז ער... מיין ברודער בענצל... אַ יינגל מיט קייטן...

אַ יינגל מיט קייטן. —

זאָל עס שטיל נישט אָפּגיין

I

— וויפֿיל איז שוין דער זייגער?

— בּן.

— קען נישט דערקריכֿן ביז אַכֿט...

אין טאַבאַק־פֿאַבריק האָבן די צוויי הונדערט פֿרויען געאַרבעט זעכֿצן שעה אַ טאָג. — פֿון האַלב־פֿינסטערן באַגינען ביז די גרויסע בלייך־לאָמפּן מיט די רויכֿערדיקע קנויטן פֿלעגן אויסרויכֿערן די לאַנגע שעהן אין די אָוונטן. פֿון פֿאַרן נאַכֿט אָן פֿלעגן זיך אָנהויבן די שעהן פֿון פֿרויענדיקער מידקייט. די הענט לאַנגזאַמער, שאָטנס אויף די ווענט, אָט־אָט, באַלד־באַלד דערשלעפּט מען זיך צום סוף.

אין דער גרויסער שטוב אויפֿן צווייטן שטאָק, ווו מען האָט געקלעפּט די גילזן־פּודעלעך האָט געאַרבעט ביילקע די שוואַרצע. זי האָט געהאַט אַ קאָפּ מיט געקרויזטע שוואַרצע האָר, מיט סמאַליעדיקע אויגן און טונקעלן פּנים. אַרום איר האָט זיך שטענדיק געקערט אַ וועלט, מען האָט געוואָרפֿן ווערטלעך. געלאַכֿט. זי זאָגט אין לצנות צו פֿייפֿקע דעם מייסטער:

— ר׳ פייפקע, זעצט זיך צו אַ ביסל, איר זייט דאָך, מסתמא, זייער פאַרמאַטערט, קיין בייז אויג זאָל אייך נישט שאַדן, קיין עין-הרע...

און די מיידלעך מיט די ווייבלעך שיסן אַרויס מיט אַ געלעכטער.

— ביילקע, דיר וועט נאָך אַמאָל דער שוואַרץ יאָר אַ נעם טאָן.... — פלעגט איר סטראַשן דער מייסטער פייפקע.

— אָבער נישט אויפן בוידעם ביי די טאַבאַק... — ענט־פערט זי.

אַלע האָבן געוווסט, וואָס דאָס הייסט. פייפקע דער מייס־טער איז געווען אַ ייד אַ גואפניק.ער פלעגט יעדעס יאָר פאָרן אין טערקיי איינצוקויפן טאַבאַק. ער איז געווען דער מבין. אַ סימן איז געווען, וואָס זיינע ייִנגלעך פלעגן אַרומלויפן איבערן גאַס אין רויטע פעסקעס מיט פרענזלעך, וואָס פייפקע פלעגט אַראָפּברענגען. טאַקע פון דאָרטן, האָט ער אַראָפּגעבראַכט אויך אַזעלכע מידות, אַלע מאָל פלעגט זיין מיט פייפקען אַן אַנדער עסק — הגם ער האָט געהאַט אַ שוואַרץ בערדל, אַן אייגן ווייב מיט קינדער, פלעגט רויכערן גרויסאַרטיקע דיקע ציגאַרן, ער פלעגט אַרויפרופן אַמאָל אַ מיידל, אַמאָל אַ שיקסע, און אַמאָל אַפילו אַ ווייבל אויפן בוידעם, כלומרשט נאָך טאַבאַק — נו, און מען איז דאָך ביי פייפקע דעם מייסטער אין די הענט.

אַ האַלבן רובל אַ וואָך, אַ רובל, צוויי רובל און אַפילו דריי רובל פלעגט מען פאַרדינען ביי די פּאַפּיראָסן. וויל פייפקע, האַלט ער ביי דער אַרבעט. וויל ער נישט, זאָגט מען אָפּ... נו,— כאַפּט ער אויפן בוידעם, לאָזט נישט אָפּ, קויקלט זיך אַריין אין דעם נאָך נישט געשניטענעם, געלן, צעטריקנטן טאַבאַק, ווערט מען זיך, לאָזט מען זיך נישט —

— איז ווי אַמאָל..

מיט שיקסעס אנז נישט אַזוי ווי מיט יידישע קינדער. אַ שיקסע פאַרשווייגט. מילא, פאַרפאַלן — זאָל פייפקען כאַפּן די כאָ־לערע. אָבער אַנדערש א׳ז מיט די יידישע. עס טרעפט זיך, ס׳קומט אַ פרוי אַראָפּ אַזוי פון בוידעם און געפינט ניט דעם

וועג צוריק, קוקט זיך אַרום און אַלע זעען, אַז זי אַן אַנדער מענטש, און אָט צעוויינט זיך אַ פרוי אַזאַ...

כאַפּן זיך אויף אַפילו די בליך-לאָמפּן, וועלכע רויכערן פון די ברייטע גלעזער איבער די טישן. אַזאַ שותפותדיקע חרפה און צעפּאָרענער ווייטאָק איז אין דער גרויסער שטוב פון אַלע מיידלעך.

— פייפקע, דער בראָך כאַפּט אים...

— זאָל אים דער שלאַק טרעפן...

II

זלאַטקע איז נאָך געווען זייער אַ יונג מיידל, כמעט אַ קינד. זי איז מער נישט אַלט געווען, ווי אַ יאָר פופצן. זי האָט אַרויסגעשיינט פון גאַנצן צימער מיט די מאַשינדלעך, וואָס שטאָפּן אַליין דעם טאַבאַק אין די פּאַפּיראָסן. זי האָט אַרויסגעשיינט דערפאַר, ווייל זי האָט געהאַט אַזאַ ווייס און פריש געזיכט, דערפאַר ווייל אירע האָר זענען געווען בלאָנד און אירע אויגן גלאַנציקע, דערפאַר ווייל זי איז געווען אַ קינד און עמעץ האָט איר אַ נאָמען געגעבן:

— די נגידקע...

זי איז געווען אַ בלאָנדע. אַ שטילע און פאַרטראַכטע. זי האָט אָבער נאָך ערשט געהאַט אָפּגעאַרבעט עטלעכע וואָכן און עס איז אַדורך אַ מורמל איבערן פאַבריק:

— פייפקע..

עס האָט געהייסן, אַז די מיידלעך, וואָס האָבן אַ חוש, האָבן דערשפּירט, אַז פייפקע דרייט זיך צופיל אַרום זלאַטקען.

אָבער נישט נאָך צוליב דעם האָט מען געמורמלט. מען האָט געזען, אַז אָט די קליינע און קינדערשע זלאַטקע האָט אַליין אויך עפּעס מיט אירע אויגן, מיט איר שמייכעלע, וואָס פאַלט אַרויס פון די בליקן ביז אויף איר שוואַרץ קליידל און שוואַרץ שירץ אַראָפּ — האָט עפּעס אַליין אויך מיט איר רצון עפּעס אַ מגע ומשא מיט דעם פייפקען — מיט דעם נואפניק, מיט די דיקע

שוואַרצע וואָנסן און שוואַרצע אויגן, וואָס האָט אַ ווייב מיט דריי קינדער...

האָט מען געמורמלט. אָבער מיט זלאַטקען האָט קיינער דערווייל קיין וואָרט נישט גערעדט. אפשר דולט זיך נאָר.

מען האָט געזען. אַז נאָך ערשט, ווי מען האָט נאָר אָנגעצונדן די לאָמפּן, גייט פּייפּקע צו צו זלאַטקען און זאָגט איר:

— אויב דו ווילסט, קענסטו שוין גיין אַהיים...

און אין אַ פּאָר שעה אַרום, אַז מען איז געגאַנגען פון דער אַרבעט, האָט עמיץ געזען, ווי זלאַטקע זיצט נאָך גאָר ביי פּייפּקען אין קאַנטאָר. עמיץ פון די עלטערע מיידלעך האָט אַריינגעוואָרפן אַ בייז ווערטעלע:

— גיי, ווייס זיי, די שטיליִנקע...

און אין אַ שיינע פּאָר וואָכן אַרום איז עס געגאַנגען פון מויל צו מויל איבערן פאַבריק און אַ סברה, אַז עס האָט געשטאַמט לכתחילה טאַקע פון „זלאַטקע דאָס קינד" אַליין:

— פּייפּקע וועט זיך גטן מיט זיין ווייב און מאַכן אַ חתונה מיט זלאַטקען...

— גיי שוין גיי. וואָס דו רעדסט, משוגענע...

ביי צוועלף אַ זייגער, בשעת מען עסט, איז צווישן די חברה מיידלעך געוועזן די רייד וועגןביילקע דער שוואַרצער.

— משוגענע מוידן, וואָס איר זייט. אויף פּייפּקע שמדניק און חפצהניק גלויבט איר?.. אויף דעם הולטיי?.. איך וואָלט אים די אויגן אויסגעדראַפּעט...

III

און אָן קאַטאָוועס —

איז דאָס געוועזן עפּעס אַ מאַנקאָליע אַזאַ, איז עס געוועזן אַ קינדעריש-אויפגעוואַכטער אינסטינקט?..

— זלאַטקע איז געוואָרן גאָר אַן אַנדערע...

— אָט די קליינע זלאַטקע...

זלאַטקע האָט געלייענט אין שטוב ראָמאַנען, ראָמאַנען אין

צוועלף טיילן. זלאַטקע האָט ליב געהאַט צו זינגען. עס איז גע-ווען משונהדיק און אומגלויבלעך:
— זלאַטקע מיט פייפקען...
ער האָט איר געזאָגט, אַז ער וועט איר מיטנעמען אין טערקיי און זיי וועלן ביידע דאָרט פאַרבלייבן. אַזוי האָבן דער-ציילט די מיידלעך אין פאַבריק. ער האָט איר געקויפט נייע שיך און אַ זיידענעם שאַל. און זי האָט זיך גאָרנישט געשעמט צו דערציילן. פאַרקערט:
— דאָס איז פייפקעס אַ מתנה...
ביי די טישן האָט מען אַזוי גערעדט:
— וואָס זאָגסטו?.. הע?..
— זי איז אַ נאַר און אַ משוגענע...
— און אפשר טאַקע אַ ליבע?..
— גולם דו, מיט פייפקען אַ ראָמאַן?...
— האָסטו אים נישט געזען מיט סטעפּקען אויפן בוידעם?...
— היינט וואָס-זשע פאָרט?..
— דער טייוול ווייס איר...
די קליינע בלאָנדע זלאַטקע האָט גערייצט דעם נייגיר. אָט די קליינע זלאַטקע מיט די אָפענע און שמייכלדיקע אויגן, זלאַטקע, איר געלעכטערל...
— דאָס קינד...
אַפילו די באַיאָרנטע פאַבריק-פורמאַנעס, לאַדעוונדיק די פאַפּיראָכן קוסנס אויף די וועגענער, האָבן גערעדט צווישן זיך:
— וואָס זאָגסטו אויפן שמאַראָוואַזניק?..
— דער תּרח כאַפּט אַ לעק...
— פייפקע, איר מאַכט עפּעס אַ „ליובטשיק"
— אָט איז די קלאַפּטע...
— אַ וואָרעם, פון דער ערד נישט אויפגעוואַקסן...
די פאַבריק מיט אירע זעכצן שעה פּראַצע אַ טאָג האָט זיך פאַרדרייט און פאַרטשאַדעט אין האָראָוואַניע און פאַרטומלטקייט. אין געטומל און געדריי פון די מיליאָנען פאַפּיראָסן און טויזנ-טער קאַסטנס, אין טומל פון די געשרייען, פון די פערד, פון

די קליינשטעטלדיקע סוחרים, אין בלוט-שפייעניש האָט זיך אויף אַרומגעוואַלגערט אַזאַ נישט אויפגעקלערטע, אומבאַשיידענע געשיכטע:

— זלאַטקע....

IV

ביז ס׳איז געקומען, אַז פייפקע האָט זיך געמאַכט כלא ידע, ווי אַ קאַץ, וואָס טרינקט אויס די סמעטענע, און מען האָט זלאַטקען אָפּגעשריבן צוויי וואָכן.

און דאָס אַליין וואָלט נאָך נישט אַ הויב-טאָן די פאַבריק, ווען נישט דאָס, וואָס זלאַטקע, אָט די קליינע, קינדערשע זלאַטקע, איז שוין אומגעגאַנגען מעוברת און געברענט אין פייער פון חרפה. מער נישט זי האָט נישט געהאַט קיין טאַטן און די מאַמע איז געווען אַ קראַנק מענטש, איז נישט געווען ווער עס זאָל איר אַרויסיאָגן פון שטוב אויף דרויסן.

די פאַבריק איז געגאַנגען מיטן קאָפּ אַראָפּ. עס האָט געאַקערט אין אַלע שטובן. מען האָט געדרייט, געדרייט דעם טאַבאַק און מען האָט געלאָזן שטיין, פאַרלייגט די הענט, זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— דער ממזר האָט דאָך איר אָפּגעשריבן צוויי וואָכן....

און דאָס אַליין וואָלט נאָך אויך נישט גענוג געווען, ווען נישט דאָס, וואָס עס איז מיט דער קליינער, קינדערשער זלאַטקע, נאָכדעם געשען.

קליינע לאָבוזעס פון גאַס זענען איר נאָכגעלאָפן און נאָכגעשריגן:

— קליין מאַמעלע!.. קליין מאַמעלע!.. נקבהלע!..

און אַז זי איז אַריינגעלאָפן אין פאַבריק, האָט זי זיך דערלאַנגט אַ צי אויס אויף דער ערד און עס איז איר נישט גוט געוואָרן און זי האָט אָנגעהויבן צו חלשן. די גאַנצע פאַבריק איז געווען אַרום איר. מען האָט דערלאַנגט וואַסער. איין צעשראָקענע יידענע האָט געשריען:

— רופט אַ דאָקטאָר, אַ דאָקטאָר רופט...

מען האָט איר אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל. זי האָט בלויז געזאָגט:

— וואָלט איך גלייכער פון דער וועלט גיין...

איז געגאַנגען די פאַבריק מיט די פּיס אַרויף. אין מיינ דערינען, אין סאַמע מיטן טאָג האָט אַזוי ווי פון זיך אַליין די פאַבריק זיך געשטעלט און אויפגעהערט צו אַרבעטן. מען איז געווען אין איין קלומפּן. מען האָט גערעדט, געשריען, דערציילט און איבערדערציילט. ווי אַזוי דאָס איז געווען, ווי אַזוי זלאַטקע איז אַרויפגעלאָפן, ווי אַזוי זי איז געפאַלן, אָט אַזוי אַ לייג גלייך אויף דער ערד, און, אייגנטלעך, אָפּגעראַטעוועט איר מיטן קאַלטן וואַסער האָט איר לאהטשע די גראָבע...

פון קאַנטאָר האָט מען געזען, אַז די פאַבריק שטייט און מען האָט געשוויגן. קיינער האָט זיך נישט באַוויזן אָט פון יע-נעם קליינעם, איינשטאָקיק מויערל. קיינער האָט נישט געוווסט, ווו ס'איז אַצינד פייפקע, און אפשר קלויבט ער זיך אין טערקיי נאָך טאַבאַק?...

פון אַלע צוויי הונדערט אַרבעטערנס, יידישקעס און שיק-סעס, איז עפּעס איינס געוואָרן. אַלע זענען געווען מיט דער אַוועקגעפירטער, קינדערשער ערב-מאַמע. אין דעם אויפגעלאָפענעם בויך פון בלאָנדן קינד איז געווען אַזוי פיל עלנד און ווייטאָג. דאָ צווישן די צוויי הונדערט האָט עפּעס אַ נשמה זיך געבויגן, אויסגעגאָסן, ווי וואַסער, און געברומט...

ביז ביילקע די שוואַרצע האָט זיך אָפּגערופן

— מוידן, שטיל זאָל נישט אָפּגיין...

— זיך אָפּרעכענען...

און אַלע האָבן געקוקט אַהינצו צום קליינעם געל-געטינ-קעווטן מויערל, ווו עס איז די קאַנטאָר.

V.

דאָ אין פאַבריק זענען נאָך נישט געווען קיין „אָרגאַני

זירטע", אָבער אין שטאָט זענען שוין אומגעגאַנגען די „מעשיות מיט די פיר ברידער", מען האָט שוין דערציילט אין דער שטיל, ווי מען דרעשט די לייבער פון די „ברידער און שוועסטער" אין טורמע...

ביי ביילקע דער שוואַרצער און ביי נאָך אַ פּאָר מיידלעך איז געבליבן, אַז מען מוז אויפזוכן עמיצן פון די „ברידער און שוועסטער".

— מען דאַרף זיך נאָכפרעגן ביי די וואַלקערס...

די גאַנצע פאַבריק האָט געוואַרט. עפּעס דאַרף זיין. מען האָט געוווּסט און געפילט, אַז עפּעס וועט זיין — זאָל זיך די פאַבריק איבערקערן. ביילקע האָט געהאַלטן בסוד. דער „פּאַרש-טייער" האָט איר אָנגעזאָגט:

— „קאָנספּיראַציע"...

ביילקע האָט פאַרשטאַנען, אַז מען טאָר קיין וואָרט נישט רעדן. האָט די פאַבריק געשוויגן און געוואַרט. מען האָט געקוקט אויף ביילקען, וואָס איז מיט אַמאָל אַזוי אויסגעוואַקסן ביי אַלעמען אין די אויגן:

— אַ בונדיסטקע...

— קאָנספּיראַציע...

און פייפקע איז ווידער אומגעגאַנגען איבערן פאַבריק, ווי נישט אים מיינט מען עס.

VI

היינט.

היינט וועט עס זיין. דאָס האָט געשפּירט די גאַנצע פאַבריק.

אַלע אַרבעטערנס האָבן געוווּסט, אַז היינט. — היינט, ווען מען וועט גיין פון דער אַרבעט.

וואָס וועט זיין?

מען ווייס נישט. עס איז אַ געהיימניש. ווייסן ווייס נאָר ביילקע.

עס וועט זיין.

שאַ. שטיל.

גלייך, ווי מען וועט גיין פון דער אַרבעט.

מיט אַ האַלבע שעה פריער איידער מען ענדיקט די אַר־בעט איז ביילקע אַראָפּגעלאָפן אויף דרויסן פאַרן טויער. זיך געזאמט אַ לענגערע ווילע. אַלע האָבן געוווסט, אַז דאָס איז עס. עס הויבט זיך אָן. עס האָט געקלאַפּט אין האַרצן. ביילקע איז אַרויפגעקומען צוריק, מען האָט איר געקוקט אין די אויגן אַריין. זיי זענען געווען נאָר אויסגעשאַרפט און אויסגעגלאַנצט, אָבער גאָרנישט דערציילט.

מען האָט געענדיקט די אַרבעט.

געוויינלעך איז שטענדיק ביים אַרויסגיין פון פאַבריק דאָ פייפקע. ער קוקט נאָך, צי מען נעמט נישט אַמאָל מיט פאַפּי־ראָסן. איז ער היינט אויך אַזוי געשטאַנען. ער האָט נישט גע־ווּסט פון קיין פותר חלום.

אין דער רגע —

ווען אַ האַלבע פאַבריק איז שוין געווען אויפן הויף האָבן זיך געטאָן אַ רוק אונטער אַ פּאָר פון יענע, פון די „ברידער און שוועסטער״ און — מיט פאַרשטעלטע פּנימער.

— אָט ער... אָט איז ער... — דאָס האָט געוויזן ביילקע די שוואַרצע.

מען האָט געטאָן אַ זעץ אַרויף אויף פייפקען אויפן קאָפּ אַ גרויסן זאַק און אַ קייקל אַרויף אויף דער גרויסער טאַטשקע פון די קוילן און איינס און צוויי — מיט שטריק אים צוגע־פלאָכטן צום טאַטשקע...

— קאַטאַי!..

און מען האָט אָנגעהויבן שיקן דער טאַטשקע אַראָפּ־אַראָפּ...

אַלע זענען אַרום. —

פייפקע מאַכט געוואַלדן, קוויטשעט פון זאַק, דער עולם פוילט זיך נישט און דערלאַנגט —

— איינס, צוויי, דריי...

ווו מען טרעפט.

צוויי הונדערט ווייבער אַרום. און ביילקע די שוואַרצע, ווי דבורה הנביאה, זיצט אויף דער טאַטשקע. ווער עס האָט גאָט אין האַרצן דערלאַנגט אין זאַק אַריין, און ווו ער טרעפט טרעפט ער....

די טאַטשקע איז שוין אַרויס פון הויף און גייט אין שטאָט אַריין, עס איז שוואַרץ געוואָרן די גאַס:

— וואָס?.. ווען?.. וועמען?..

— פייפקען...

— די ברידער און שוועסטער..

— די בונדיסטן....

שוואַרץ אַרום און אַרום. אויף וועלכן עס איז אופן האָט זיך אויפגעריסן דער זאַק און פייפקע זיצט אַזוי מיטן אַרויסגע-שטעקטן קאָפּ פון זאַק אַרויס אַ צעיושעטער, אַ צעשויבערטער אַ צעטראָגעגער און די מוידן מיט די שיקסעס שרייען:

— פייפקע, די כאָלערע!..

— פייפקעלע....

אַז פּאָליציי האָט זיך באַוויזן און צום ערשטן מאָל גע-שאָסן אויף דער וואַרשעווער גאַס, האָט מען איבערגעקערט די טאַטשקע צוזאַמען מיט פייפקען און געלאָזן אים אַזוי ליגן אויף די שטיינער...

IIV

נאָך אין דער זעלביקער נאַכט האָט מען ביילקען דער שוואַרצער צוגענומען פון בעט און אַוועקגעפירט אין טורמע אַריין, ווו „מען דרעשט די לייבער פון די ברידער און שוועס-טער". —

די ערשטע בונדיסטקע פון די טאַבאַק-טישן.

איטשע לאַפּטשע.

I

— ער איז אַוועק איבערן גרעניץ און שוין מער האָבן מיר אים ניט געזען...

— ער איז שוין געווען אויסגעדאַרט, פאַרעלטערט, אפילו גרויליך...

— גאָר אַנדערש ווי מיט צוויי יאָר צוריק... ניט צו דערקענען...

— און מער האָבן מיר אים ניט געזען.

— און ווייסן ניט ווו זיין געבליין איז אַהינגעקומען...

— און אפשר האָט איר, אַ קשיה אויף אַ מעשה, גע־הערט עפּעס וועגן דעם איטשע לאַפּטשע?...

II

דאָס איז אַ קליין שטעטל, וועלכע ליגט ביי דעם דייטשן גרעניץ אין סוואַ־קער געגנט, אויפן וועג קיין ווערזשבלאָווע. געבליבן איז דאָ אַ ווידער־קלאַנג פון איינעם אַ בונטאָווטשיק,

ד. איז געווען אַמאָל, געלעבט דאָ, געקומען און פאַרשוווּנדן

זיי פאַרבליבן ווידער־קולן, אַ נאָך־ליכט, אַזוינס, וואָס הייסט

— איטשע לאַפּטשע...

איז עס אַלץ וואָר, וואָס עס ווערט וועגן אים דערציילט, אָט דאָס, וואָס דו הערסט דאָ אַצינד אין קליינשטעטלדיקן פאַרנאַכט?

איז עס חלום מיט וואָר מיט בענקשאַפט צוזאַמען? — וואָס איז דען דער אונטערשייד?

— איטשע לאַפּטשע...

III

ער איז געווען אַ בערשטע.

ער איז אַראָפּגעקומען אַהער פון דער פרעמד, פון גרויס־ליטווישע שטעט און געזוכט דאָ אַרבעט ביי די בערשטער.

ביי יאָסל־פּייוולען אין בערשטאַרניע האָט ער זיך געשטעלט, דאָרט ביי די שפּיציקע אייזנס געקעמט דעם חזיר־האָר. ער איז געגאַנגען אויף זיך אַ בייקענע העמדל, געהאַט אַ ברייטן און דאַרן גוף, די הויזן זיינען געהאָנגען אויף אים, ווי פרעמדע, די בלאָנדע האָר זיינען געלעגן אויף זיין שטערן, ווי זיי ליגן ביי די פּויערים פון דאָרף — אַזוי ווי טונקעלער פלאַקס, ער איז געווען אַרומגעוואַקסן און אָפּגעלאָזן ביי זיך.

פון וואַנען עס שטאַמט דער נאָמען זיינער: „איטשע לאַפּטשע” איז ניט באַקאַנט. אַ פּנים ער איז שוין דאָ אַראָפּגעקומען מיט דעמדאָזיקן נאָמען פון דער פרעמד:

— איטשע לאַפּטשע...

האָט ער ערגעץ אַ ווייב, אַ משפּחה, אַ קינד? — אַ מכּה האָט מען דאָס געקאָנט ביי אים וויסן. ער האָט אָנגעקוקט, אָנגעקוקט און געענטפערט:

— דיין באָבעס דאגה...

IV

ביי יאָסל-פּייוולען אין בערשטאַרניע האָט מען אָבער מער געוווּסט, ווי אומעטום:

— איטשע לאַפּטשע איז אַ סאָציאַליסט...

ווי? וואָס? ווי אַזוי? — גאָרניט. אַזוי איז דאָס.

און געקומען איז ער ניט סתם אַזוי זיך. נאָר שאַ, שטיל, קיינער זאָל קיין פּיפּס ניט טאָן. האַלטן דעם צונג צווישן די ציין.

די בערשטער זענען שוין דאָ געווען חברה-לייט פון צוויי יאָר צוריק. זיי האָבן שוין אויסגעהאַלטן דעם גרויסן בערשטער-שטרייק. מען האָט שוין דאָ געלייענט אין די בער-שטאַרניעס די שריפטן פון בערשטער-בונד. און זאָל עס צו קיין גנאי ניט זיין: ביי דעם ערשטן שטרייק האָט מען אַריינ-גערופן אַלע עלטערע בערשטער, טאַטעס פון קינדער, יידן מיט קעפּ און מיט בערד — האָט מען אַלעמען אַריינגערופן אין בערשטער-שולכל, מען האָט צוגעשלאָסן די טיר, ווען אַלע זיינען שוין אינעווייניק געווען, מען האָט אַרויסגענומען די ספר-תורה פון ארון-קודשל, געלעגט אַן אָפענע אויפן שלחן פון דער בימה און מען האָט ביי דער ריינקייט געשווירן —

— אויף אחדות...

און אַז מען איז אַצינד געוואָר געוואָרן, אַז איטשע לאַפּטשע איז פון ד אָ ר ט ן, אַז עס איז ניט סתם אַזוי, גלאַט אין דער וועלט אַריין זיין קומען, האָט מען שוין גאַנץ אַנ-דערש געקוקט אויף זיין אָפּגעלאָזענעם, פלאַקסענעם קאָפּ, אויף זיינע ברייטע און דאַרע פּלייצעס, אויף זיינע איינגעזשמורעטע, איינגעגראָבענע מוטנע אויגן.

הגם מען האָט צוזאַמען פאַרנאַכט געטרונקען ביר ביי דאָבעלען אין שענקל.

און וועגן אים האָט מען דאָס געהערט דערציילן אין דער בערשטעריי אַזוי:

האָט מען מיט אַ יאָר צייט צוריק אַרעסטירט אָט דעם

איטשען מיט אַ גאַנצע חברה. און מען האָט טאַקע געפּאַקט טריף־פּסול. געווען איז דאָס אין אַ קליין שטעטל נאָך אַ שטרייק פון די בערשטער.

האָט מען אַלעמען געפירט מיטן באַן אין שטאָט אַריין צום אַרעסט. זשאַנדאַרן זיינען געפאָרן מיט זיי אין אָפּגעשלאָסענעם וואַגאָן און ניט געלאָזט זיי אויסריידן קיין וואָרט צווישן זיך.

און דאָ האָט איטשע געדאַרפט אָנזאָגן אַלעמען, וואָס מען האָט צו טענה'ן, און דער עיקר — אַז ער נעמט אַלץ אויף זיך...

און ריידן קאָן מען ניט, מען לאָזט ניט. וואָס זשע טוט איטשע?

— פּאַניע זשאַנדאַר, איך וויל זיך מאָליען, איך וויל דאַווענען צו האָספּאָדי באָזשע... מאָליטסאַ מנחה... דאַוונען מנחה...

פאַרשטייט דער זשאַנדאַר, אַז דאַוונען איז אַ הויכע זאַך — עלעהיי אין צערקווע... — נו, און ער דערלויבט איטשען דאַווענען מנחה.

— חברה, לאָמיר זיך שטעלן שמונה עשרה... — האָט איטשע געזאָגט.

און ער איז געוואָרן דער חזן. און געדאַוונט אין דער הויך, אויפן קול, מיטן נגון און מיט טעם:

— אשרי יושבי ביתך, חברה איך נעם אויף זיך, יהללוך סלה, דברט, אַז ביי מיר געפונען, יקום פורקן מן שמיא, און מער ווייסט איר גאָרניט... אמן, יהא שמיה רבא...

אַזוי האָט איטשע געדאַוונט מנחה מיט חברה בונדיסטן.

— איטשע לאַפּטשע...

V

איטשע לאַפּטשע פלעגט אַלע פאָר וואָכן נעלם ווערן אויף עטלעכע טעג.

אַ קרענק פלעגט וויסן דערפון יאָסל־פּייוול אַליין דער באַלעבאָס. די אַרבעט פלעגט שוין געמאַכט ווערן אַקוראַט ווי

איטשע וואָלט זיין. טאָמער וואָס — איז ער אַקאָרשט אַרויסגע־גאַנגען, ער קומט באַלד אַריין... גיי וואַרט אויף אים. אומבאַ־מערקט פּלעגט ער זיך אין מיטן טאָג טאָן אַ שטעל אַריין צו־ריק און — שוין, ער שטייט שוין, ער שטייט שוין ווידער ביים טיש מיט די אייזנס און קעמט די חזיר־האָר...

— נו, איטשע?

— בשלום...

וואָס? ווער? — שטיל זאָל זיין. קיין בן־אדם זאָל ניט ריידן.

— קאָנספּיראַציע.

VI

דאָס שטעטל ליגט ביים גרעניץ, ביים דייטשן גרעניץ, אויפן וועג קיין ווערזשבלאָווע, און איטשע לאַפּטשע גייט אי־בערן גרעניץ.

ער גייט ניט אַליין. מען גייט זאַלבעצווייט, צוזאַמען. סיי אַהין און סיי צוריק. ער גייט צוזאַמען מיט צדוק קאָנטראַבאַנ־דיסט.

— מיט ר׳ צדוקלען...

אָט דעם קליינעם, שוואַרצן, פּיפּיקן און ברענענדיקן יידעלע.

דאָרט אויף יענער זייט ליגט די סחורה. דאָס דאַרף מען אַריבערטראַנספּאָרטירן אַהערצו.

ליטעראַטור. די געהיימע, סודות׳דיגע ליטעראַטור. און פון דאַנען:

— קאַטיי!...

די גרעניץ ווערט געהיט, גרעניץ־וואַך, גרעניץ־זעלנער, גרעניץ־זשאַנדאַרן. טאַמאָזשנע־הייזער, אויסשאָסן אין מיטן דער נאַכט...

סכנות אַרום. ר׳ צדוקל איז שוין אַ „געביוועטער״ קאָנטראַ־באַנדיסט. ער גנבעט אפילו פערד איבערן גרעניץ. זיין וועג איז

דורך דערפער, פאַזע דער בלאָטע און דעם שמאָלן טייכל. מען דאַרף טאַקע היפש גיין צופוס אין בלאָטע און אין וואַסער. ער האָט אויך אַ פּאָר „אַפּגע׳סמטע״ זשאַנדאַרן. דער אונטעראָפיציר קומט צומאָל אין שטעטל אַראָפּ און ר׳ צדוקל מאַכט מיט אים אַ כוסה ביי אַ גענזל און מיט אַ שיקסע. —

אָבער עס איז ווייט נישט זיכער דער גאַנג. מען דאַרף גיין אַזוי אַ האַלבן טאָג מיט אַ נאַכט. אַ קשיא אויף אַ מעשה, ווען מען קאָן באַגעגענען אויפן וועג. ממילא אַהין, ווי אַהין, אָבער — צוריק, אָט אַזוי, אַז מען גייט מיט די סחורה.

די סחורה טראָגט אַרום זיך נאָר איטשע לאַפּטשע. ר׳ צדוקל איז ווייט אָן אַ זייט. איטשע גייט שטיל, אָבער מיט גרויסע טריט, ער קנעט די וועג מיט זיין גאַנג, מיט קאָפּ אָן דר׳ערד אַראָפּגעבויגען, אַראָפּגעלאָזן, ווי אַ משא-קליאַטשע, גייט און זעט ניט די וועלט. ער — און די ליטעראַטור. ר׳ צדוקל היט אים פון דערוווייטנס.

ר׳ צדוקל קריגט באַצאָלט, טאַקע פון איטשען. איטשע איז ניט קיין איבערצאָלער. דאָרט איז קיין געלט ניטאָ. מען דאַרף שפּאָרן דעם גראָשן.

— און וויפל האָסטו פאַר דעם עסק? — פרעגט ר׳ צדוקל איטשען.

קוקט אים אָן איטשע לאַפּטשע און ענטפערט:

— גאָרניט...

פאַרשטייט ניט דער קאָנטראַבאַנדיסט:

— וואָס הייסט?

— אָט דאָס הייסט...

פאַרשטייט ער שוין דאָ אינגאַנצן גאָרניט.

VII

איז געווען אַ באַגעגעניש ביינאַכט ביים גרעניץ-פאַס צווישן איטשע לאַפּטשע און אַ גרעניץ-זשאַנדאַר.

ר׳ צדוקל האָט אָפּגעצויגן און געלאָזן איטשען אַליין.

איינע אַנטקעגן די אַנדערע זיינען זיי געשטאַנען אין יענער נאַכט ביים גרעניץ: איטשע מיט דעם זשאַנדאַר.

— וואָס האָסטו ביי זיך?

— אָט, ווי דו זעסט, גאָרניט...

— סוקין סין, גיב אַהער, וואָס דו טראָגסט...

— גאָרניט, באַטינקאָ... ברודערל...

צוויי זיי ביידע מיט דער נאַכט און מיט דעם גרעניץ.

דער זשאַנדאַר וויל אים פירן אין טאָמאַזשנע. דאָס טאָר ניט געשען.

— לאָז אָפּ, לאָז גיין אַן אָרימען מענטשן...

— מיר קענען אייך...

עס האָט זיך עפּעס אַ דריי געטאָן ביי איטשע לאַפּטשע אין קאָפּ, אַ שנאָבל האָט אַ פּיק געטאָן אין מח:

— לאָז אָפּ, וואָרום איך לייג דיר אַוועק...

דער זשאַנדאַר האָט זיך אַ נעם געטאָן צום רעוואָלווער.

איטשע לאַפּטשע — צום וואַלקערישן מעסער, וואָס ער האָט מיט זיך געטראָגן.

זאַלבעצווייט. איינס אויף איינס. אין דער פינסטער. און צווישן זיי — דער גרעניץ.

אַז דער זשאַנדאַר האָט שוין געהאַלטן דעם רעוואָלווער אין האַנט, האָט אים איטשע אַרומגעכאַפּט מיט די הענט, מיט די אָרמס. די פּאַפּיר, מיט וועלכע ער איז געווען אַרומגעפּאַקט, האָט געשורשעט, געקנייטשט זיך. די צוויי מענטשן האָבן גע-סאָפּעט, עפּעס געזעדט איינצלנע ווערטער, ביז —

— אין דר׳ערד אַריין...

איטשע לאַפּטשע גייט ווייטער אַליין.

מיט די ליטעראַטור.

VIII

צוריק אין שטעטל איז ער שוין ניט געקומען.

ווי? וואָס? ווען? —

קיין בן אדם ווייס ניט גענוי. דערציילט האָט מען פאַר־שיידנס.

נאָר עס איז ניט קיין אונטערשייד,

ר׳ צדוקל האָט געהאַלטן פּיסק. באַגראָבן, ווי אין אַ ברוי־נעם אַ שטיין. אין בערשטאַרניע האָט מען געוואַרט אַ טאָג נאָך אַ טאָג און ניט מען הערט און ניט מען זעט. מען האָט פאַר־שטאַנען, אַז עס איז שוין אַ בראָך.

שפּעטער איז מען צוביסלעך עפּעס געוואָר געוואָרן.

דער וועג האָט געפירט —

— צו קאַטאָרגע...

IX

אין צוויי יאָר אַרום האָט זיך מיט אַמאָל, אומגעריכט באַוויזן איטשע לאַפּטשע.

גאָר אַן אַנדערער.

אויסגעדאַרט, פאַרעלטערט. דער קאָפּ כמעט גרוי.

ער מוז זיך אַריבערשוואַרצן די גרעניץ.

ער גייט פון סיביר. ער גייט פון קאַטאָרגע.

ער זאָל האָבן טעג און נעכט געגאַנגען צופוס.

הונגעריג.

און די סיבירער הינט גייען נאָך, גייען נאָך טריט נאָך טריט פון דערווייטנס, וואַרטן ביז דער קאַטאָרזשניק וועט פאַלן אין אוממאַכט.

פאַלן אַ הונגעריגער אין דער סיבירער טייגע. און דע־מאָלט וועלן זיי שוין פאַרענדיקן. —

עס מוז זיין אַ זאַווערוכע און די ביינער אָט דעמאָלט, בשעת מען גנבעט זיך אין סטעפּ און מען ווייס און מען זעט די הינט, וואָס גייען נאָך.

איז דען אַ וווּנדער, אַז דער קאָפּ ווערט גרוי?...

X

דורכגעשוואַרצט די גרעניץ און אַוועק.
מער האָט דאָס שטעטל פון זיין געביי[?] ניט געהערט.

— מער ניט געזען...
— ניט געהערט פון אים...
— און אפשר האָט איר עפּעס געהערט וועגן דעם איטשע לאַפּטשע?...

אינהאלט:

1) ברוך טעלעגראפיסט.

2) זוסשע ניירטאמיד.

3) אונטער א טויער.

4) געבראכט די פאָן.

5) נטע ווו איז יושר?

6) אונטערגעצונדן.

7) אונזער גיטל.

8) אויף דער תליה.

9) תערשעלע הויקער.

01 אזא נאכט.

11 מיט א זאק איבערן קאפ.

12) צוויי קיטלעך.

13) זאָל עס שטיל ניט אָפגיין.

14) איטשע לאפטשע.